STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07954

SIMFONISHE GEZANGEN

Pinchos Jassinowsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פינחס יאַסינאָווסקי

”סימפאנישע געזאנגען”

(לידער, מוזיק און פּאָעמען)

פארלאג „רננה"
ניו יארק, 1936, תרצ"ו

"RENANAH"
131 West 86th St., New York, N. Y.

Copyright 1936
By PINCHOS JASSINOWSKY
New York, N. Y.

PINCHOS JASSINOWSKY

ליטעראַרישער אינהאַלט:

א פּאָר ווערטער — 8
צוויי בריוו — 9

1.

מיין שטעטל — 12
אַז ישיר — 14
בענקשאפט — 16
מיינע קינות — 17
אין שוואונג מיט מיין גליק — 18
א נאכט אין די בערג — 22
אלעגרעטאָ — 24
אויף מיין שיפל — 25
אנטוישט — 26
אין מאָרגן־גרוי פון שלאָפלאָזער נאכט — 26
מענטש, בארג, טייך און שטיין — 27
געוואויגן און געמאָסטן — 30
הונגער — 30
ביים טיש פון פרייד — 31
זיך און יענעם — 32
שרעק זיך ניט מענטשן־קינד — 32
ברוך רופא חולים — 33
די שטילקייט וועט ריידן — 36

2. פּראָפּעטישע מאָטיוון

די זעאונג — 39
דער פריי־גייסט — 44
שטורעם־קלאנגען — 45
נאקעט, הויל און אָרים — 46

3. פילאָזאָפישע לידער

אלעגראָ — — — — — — — — — — — — 49
שטילע שטורעמס — — — — — — — — — 51
איינער אין דעם צווייטן — — — — — — — — 52
ווער ? — — — — — — — — — — — — 53
תיקו — — — — — — — — — — — — 54
ווען מיר דאָס וועלן דערגרייכן ? — — — — — 55
פאַרוואָס פאַרוועמען און פאַר וועמען — — — 56
וואונדער איבער וואונדער — — — — — — 57
צום וועג פון אחד — — — — — — — — — 58

4. לידער מיט מוזיק

דער טורעם זייגער — — — — — — — — — 61
שבת קודש — — — — — — — — — — — 64
„דער רויבער" — — — — — — — — — — 67
רעיונות — — — — — — — — — — — — 70
מיל און מילנער — — — — — — — — — 73
צו די כוואַליעס — — — — — — — — — 76
פון די קינדערס וועגן — — — — — — — — 78
קלאַפּט, קלאַפּט קינדערלעך — — — — — — — 80
טייער קינד מיינס — — — — — — — — — 82
אין געדריי פון לעבן — — — — — — — — 84

5. סימפאָנישע פּאָעמען

א סימפאָני — — — — — — — — — — — 89

1) סימפאָנישע פּאָעמע: „עראָאיקאַ", אויף בעטהאָוונס דריטער סימפאָני

1. אלעגראָ קאָן בריאָ (ערשטע טייל) — 90
2. דער טרויער־מארש (צווייטע טייל) — 94
3. סקערצאָ און טריאָ (דריטע טייל) — 98
4. פינאל (פערטע טייל) — — — — 102

2) סימפאָנישע פּאָעמע: אויף בעטהאָוונ'ס פינפטער סימפאָני

1. אלעגראָ קאָן בריאָ (ערשטע טייל) — 105
2. אנדאנטע (צווייטע טייל) — — — 110
3. סקערצאָ (דריטע טייל) — — — — 114
4. פינאל (פערטע טייל) — — — — — 118

דאָס טרויער־ליד — — — — — — — — — 123

מוזיקאַלישער אינהאַלט

דער טורעם־זייגער — — — — — — — — — — — 63
שבת קודש — — — — — — — — — — — — 66
„דער רויבער“ — — — — — — — — — — — 69
רעיונות — — — — — — — — — — — — 72
מיל און מילנער — — — — — — — — — — 74
צו די כוואַליעס — — — — — — — — — — 77
פון די קינדער וועגן — — — — — — — — 79
קלאַפּט, קלאַפּט, קינדערלעך — — — — — — — 81
טייער קינד מיינס — — — — — — — — 83
אין געדריי פון לעבן — — — — — — — — 86

פראַגמענטן פון דער דריטער סימפאָני

1. אַלעגראָ קאָן בריאָ — — — — — — 90
2. דער טרויער־מאַרש — — — — — — 94
3. סקערצאָ — — — — — — — — — 98
4. פינאַל — — — — — — — — — — 102

פראַגמענטן פון דער פינפטער סימפאָני

1. אַלעגראָ קאָן בריאָ — — — — — — 105
2. אַנדאַנטע — — — — — — — — — 110
3. סקערצאָ — — — — — — — — — 114
4. פינאַל — — — — — — — — — — 118
" — — — — — — — — — — 121
דאָס טרויער־ליד — — — — — — — — — 123

אַ פּאָר ווערטער

......אין אַ רעדל אַרום אַ ליטעראַטור קריטיקער, אין איינעם פון די אידישע רעדאַקציעס, איז אָנגעגאַנגען אַ וכוח איבער דעם אידישן בוך און זיינע לייענער.

„היינטיקע פּאָעטן און דיכטער, זינגען ניט פאַר די מאַסן: יעדער משורר צווינגט זיך צו איבערראַשן און געפעלן מיט אַ וואָרט און געדאַנק זיין חבר, וועלכער טוט דאָס זעלבע מיט אַן אויסטערלעכן גראַם און וואָרט־המצאה צו געפעלן דעם צווייטן; און אַזוי דיכטן זיי איינער פאַרן אַנדערן... היינט צו וואָס זיך באַקלאָגן אויף דעם אידישן בוך, אויף זיינע לייענער, און דעם פאַרגליווערטן ביכער־מאַרק, אַז מען האָט זיי גאָר ניט אין זינען!"

אָט די מיינונג פון ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכע איז אויך געווען די מיינונג פון דעם גאַנצן קרייז פען־מענטשן, — האָט מיך באַוואויגן צו דרוקן דאָ די בריוו—פון אומבאַקאַנטע לעזער — אָנשטאָט אַ פאָררעדע.

— א —

אדון נכבד מר. פ. יאסינאָווסקי:

אקוה כי כבודו יסליח לי, וואָס איך, אַלס אומבאַקאַנטע דער־לויב זיך צו אייך צו שרייבן. איך וויל אויסדריקן מיין דאַנק פאַר אייער „שיר“: „מיין שטעטל“, וואָס איז געווען געדרוקט דעם 31טן אויגוסט... איך ווייס אַפילו אַז „דבר בעתו מה טוב“ — לײַדער, אײַ־בער געוויסע אורזאַכן האָב איך ביז איצט ניט געקענט שרייבן. אייער „שטעטל“, וואָס איז געשריבן ניט נאָר מיט טאַלאַנט, נאָר אויך מיט הארץ, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון פילע לעזער: „דברים היוצאים מן הלב, נכנסים ללב“.

אייער „שטעטל“ האָט מיך אויף די גייסטיקע פליגל פון געדאַנק אוועקגעטראָגן צו מיין אייגן ליב שטעטעלע, וועלכעס איז מיט הויכע בערג, גרינע טאָלן און אַ פּליסיקן פרישן וואַסער, און איבערגעדעקט מיט אַ לויטערן הימל. אין אָט דעם שיינעם גן־עדן שטעטעלע, האָב איך פאַרבראַכט מיינע גליקלעכע קינדער־יאָרן, און ווי אַ ליכטיקע זון האָבן פאַר מיר אויפגעשיינט אַלע פריידיקע פּאַסירונגען פון מיין יוגנט; פון דעם ווייטן אַמאָל און מיר פאַרשאַפט אַן אמת־גייסטיקן פאַרגעניגן.

אַלזאָ, זאָגט אַליין, אדון נכבד! קומט אייך ניט אַ האַרציקן דאַנק, וואָס אייער „שטעטל“ האָט אונז פאַרשאַפט אַזאַ עונג רוחני?

יום־טוב, ווען ביי מיר אין הויז זיינען געווען געסט און פריינט, האָב איך פאַר זיי פאָרגעלייענט אייער „שטעטל“ און יעדערער איז געווען באַגייסטערט: ווייל אונז אַלע האָט דאָך דער שטורעם פון לעבן פאַרוואָרפן מעבר לים, — אמת, פילע האָבן אפשר צו „קאָלומ־בוסן“ מאַטעריעל ניט דערלייגט, — אָבער גייסטיק, בענקט זיך נאָך דער אַלטער היים, אין וועלכער מ'האָט פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן. בעזונדער מיך האָט דער בייזער שיקזאַל פאַרוואָרפן פון מיין קליינעם גן־עדן שטעטל אין דעם אייזנדיקן טומלנדן דאָ. און ווי ריכטיק זיי־נען די ווערטער פון אייער „שטעטעלע“.

„היים פון מיין קינדהייט, שטעטעלע קליינס,
פאַרזונקען אין טרויער אין עלנטע שטייסט;
ביידע פאַרוואָגלט, פאַרפרעמדט אין דער וועלט:
איך אין מיין וואַנדער — דו עלנט אין פעלד“.

ברגשת תודה, איידע שעפער

נ. ב. אקוה, אַז כבודו וועט מיר מוחל זיין מיין לאַנגן בריוו, וכבר אמרו חז״ל: „כי תשעה קבין שיחה, נטלו נשים“. לדאבון לבי גם אני במספרן. א. ש.

נאָך אַ דאַנק פאַר אייער שיינעם נאַטור שיר: „אַ נאַכט אין די בערג“.

November 7, 1934 — Dorchester, Mass.

— ב —

ווערטער הער פּ. יאַסינאָווסקי:

איך האָב נעהאַט דאָס פאַרגעניגן צו לייענען „אַ נאַכט אין די בערג" און „מיין שטעטעלע", געשריבן פון אייך. איך גלויב ניט, אַז איר נויטיקט זיך אין מיינע לויב־געזאַנגען, אָבער איך קען זיך ניט צוריקהאַלטן פון אויסצודריקן מיין גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס איך האָב געהאַט פון דעם „שטעטעלע", וואָס איר האָט אַזוי קינסטלעריש פאַרגעשטעלט — און וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק און בארירט די טיפסטע סטרונעס פון מיין הארצן. איך האָב דאָס דורכגעלייענט נאָך אַמאָל, און אַ טיפע בענקעניש האָט ארומגעכאַפּט מיין נשמה.

איך ווייס ניט אין וועלכן געגנט אייער קליין „שטעטעלע" געפינט זיך, אָבער עס האָט מיך פיל דערמאָנט אין מיין ליב שטעטעלע, וועלכע געפינט זיך אין אוקראאינע. דאָרט וואו דער בוג שטראָמט פאַרביי ארומגערינגלט מיט בערג און בוימער און דורך וועלכן עס שטייען צוואָרפן קליינע שטיבעלעך מיט שטרויענע דעכעלעך.

אָט דאָרט האָב איך מיינע יונגע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, פילע יאָרן זיינען שוין פאַריבער זייט איך האָב מיין שטעטעלע פאַרלאָזן, אָבער די פּאַנאָראַמע פון זון און בערג און די פאַר'כישופ'דיקע לבנה־נעכט, — זיינען פאַרבליבן די שענסטע עראינערונגען אין מיין לעבן...

....

....

אכטונגספאָל,

ר. פיעלד

Boston, Mass.

פינחס יאַסינאָווסקי

I

לידער, מוזיק און פּאָעמען

מיין שטעדטל

גרין־זאַפטע צווייגן אויף בוימער אין וואַלד,
שליאַכן צעשפּרייטע פון ריין זילבער־זאַמד.
שטיבעלעך ווייסע, מיט שטרוי דאַך באַדעקט —
שטייט ווייט מיין שטעדטל אין עק וועלט פאַרשטעקט.

עלנטע וועגן זיך ציען אין ווייט,
שטויסן זיך טשערעדעס, שפּרינגען אין שטרייט,
שפּרייטן זיך גאַרבן מיט ברויט־זאַנג פאַרזייט,
לאַנקעס און קוסטן מיט גרין־גראָז באַקליידט.

שטעדטעלע, שטעדטעל! מיין היים פון געבורט!
פריידיקע יוגנט! מיט צער אָנגעגורט...
עלענטער ווינטער פון נאַכט שוואַרצער שרעק, —
פרייד פול מיט לעבן פון גליק אָן א ברעג.

זאַרגלאָז די גוים זיך וואַוילגיין אין גאַס,
שיקסעס און שקצים זיך טרייבן אין שפּאַס...
ציט זיך הכנעה'דיק קהל פון שול: —
קלינגען אָפּ קלאַנגען פון ווייטן אַמאָל...

וויג פון מיין קינדהייט! אָרט פון מיין שטאַם!
אייך, מיינע ברידער, מעבר לים,
שיק איך אין עלנט פון טומלענדער שטאַט
א גרוס צו מיין היים־אָרט, מיין פרייד פון געבורט.

שטייט ווייט דער צווינטער לעבן ווינט־מיל פאַרטראַכט —
שרעקן זיך קינדער פאַר שדים ביינאַכט...
טראָגט זיך אַ טרויער פון הויז און געצעלט, —
פירט מען אַ לייכע מיט צלמים צום פעלד.

היים פון מיין יוגנט! מיין שטעטעלע קליינס!
פאַרזונקען אין טרויער און עלנטע שטייסט...
ביידע פאַרוואָגלט, פאַרפרעמדט אין דער וועלט —
איך אין מיין וואנדער — דו, עלנט אין פעלד.

●

אָז ישיר

קלינגט אויף קלאַנגען פון פאַר צייטן,
אין „אָז-ישיר'דיקן" טאָן;
ווי מיט ערב-רב פאַרשייטן,
ס'האָט דאַן משה, עמרמ'ס זון.

ציט אַן האַרפן און צימבאַלן,
העל צוזינגט זיך ברייט ווי דאַן;
מיט די פויקן, שופרות-שאַלן,
וויביים זוים פון רויטן ים.

ציט צום סיני-באַרג, דעם אַלטן,
צו דעם ברויז פון וואַסער-פאַל;
צו דעם טייך, דעם שטראָם דעם קאַלטן,
צו דעם מים-חיים קוואַל...

צו דעם גייסט פון די נביאים,
מיט דער שכינה'דיקער שיין;
די וואָס ליידן און זיך מיען,
פאַר דעם מענטשנס זין און זיין.

ס'וועט דער שונא זיך ניט שרעקן
פאַר די קולות פון געוויין.
פחד וועט זיך אין אים וועקן
ווען איר וועט נאָר פאָרווערטס גיין.

גייט פאָרויס מיט פרייד און ליבע,
זינגט דעם דורות אַלטן קלאַנג;
ווי די שבטים ששים רבוא,
אויף דעם וועג פון שקלאַפן לאַנד.

ברענט די דערנער! שניידט די גראָזן!
מאַכט אַ וואַרע פאַר דעם פאָלק!
ווייל די מענטשן-פעלקער מוזן
ווערן פריי, פון יאָך און פלאָג!...

צינדט דעם פאַקל, לייכט די וועגן,
ביז דער זון שיין פון כי אור:
פאַר דעם מענטשנס גליקלעך לעבן,
פאַר דעם קומענדיקן דור.

מישט די פרייד מיט טרויער קלאַנגען,
אויך דעם פייניקער דערמאָנט;
איז דאָך פרעה-פון מצרים
אויך די פרוכט פון בורא'ס האַנט.

ציט אַ טאָן אויף זיין מפלה —
אויף דעם רשע און זיין שטאַם;
ווייל אין דראַנג פון קריג-בהלה,
טיף געזונקען איז אין ים.

וואַרפט אַראָפּ די שווערע משא,
לייכטער מאַכט פאַר זיך דעם גאַנג;
קינדער! ברידער! מענטשן-מאַסע!
זינגט בצבור דעם געזאַנג —

ווי ביים ים די גרויסע שירה
האָט געזונגען ס'פרייע פאָלק,
ווען דער קאַמף פאַר פרייהייט אירער,
האָט געקרוינט זיך מיט דערפאָלג!...

●

בענקשאַפט

איך גיי פאַרביי דעם פּלאַץ, דעם אַלטן,
וואו מיין פריינט האָט ערשט געוואוינט,
דאָס הויז איז שטיקער ווערט צוריסן, —
א נייער בנין ווערט געבויט.

שבת, יום־טוב, טעג און וואָכן,
ערלעך האָט מען דאָרט פאַרבראַכט.
געסט און אורחים פלעגן קומען,
אַלץ באַוואונדערט, אַלץ באַטראַכט...

זין און טעכטער צו דער חופּה
האָט ער דאָרט אין הויז געפירט.
ס'האָבן יונגן פול מיט חכמה,
ס'רייכע הויז מיט חן באַצירט.

זיינען יאָרן זיך געגאַנגען:
קראַנק געוואָרן איז דער מאַן...
איז דאָס הויז פאַרלאָזט געוואָרן
מיט זיין רייכן שיינעם שטאַם.

שטיי איך, קוק אַזוי מיט ליבע
אויף דעם פּוסטן ליידיק אָרט
און דערמאָן זיך: נאָך יום כפּור
פלעגט אַ סוכה זיך בויען דאָרט.

און די סוכה, מענטש און פריינטשאַפט,
שוועבט פאַרביי אין הוילער לעער,
און פון טיף געריירטער בענקשאַפט
טריפט אין צער פון אויג אַ טרער.

מיינע קינות

וויינען האָב איך שוין געוויינט,
קלאָגן האָב איך שוין געקלאָגט;
וויי־געשרייען, צער און צרות, —
אַלע קינות אָפּגעזאָגט.

טרערן — קוואַלן פון די אויגן,
אויסגעטריקנט, אויסגעשעפּט...
ווי־זשע זאָל איך מיינע ליידן,
איצט דערציילן פאַר דער וועלט?

אַלע קוואַלן אויסגערונען —
האַרץ פאַרשטיינערט פון געוויין;
נאָר ווען איר וועט אויף די וועגן,
זען מיך שלעפּן זיך און גיין —

איינזאַם וואָגלען,
ענדלאָז שטומען,
ווי אַ שטיין!!!

זאָלט איר דרינגען פון מיין שווייגן,
אַז דעם גרעסטן צער פון ליידן!
טראָג איך איצטער שטיל אַליין.

אין שוואונג מיט מיין גליק

ווער קען דען צו מיר זיך פארגלייכן —
צום גליק פון דעם מזל אליין —
ווען שטיל איך פארמאך מיר די אויגן,
און פאנג אן אין „שיר" זיך פארגיין?

דאן פעלקער און לענדער באהערש איך —
צי שנעל זיך פון ערד־שפאן ארוים:
איך פלי איבער שטרעקן פארשטעלטע
און זע ווי אלץ נישטיק זעט אוים...

דער נארישער מענטשלעכער צארן,
וואס פירט אן זיין בייז אויף דער ערד;
די גאוה פון הערשער און הארן,
וואס בויט — און באלד אלץ צעשטערט.

איך פלי צו די שטערן אין ווייטקייט,
פארלאז אונזער מענטש־וועלט און מי;
צוזאמען מיט הימלם פלאנעטן
אין רוים־לאנד שנעל טראג זיך און פלי.

אין ווייטע, פארוויסטע מדבריות,
אין פינסטערער נאכט, זיך פארגיי;
איך צינד אן פון שטערן א פאקל
און ווייטער מיט אים אין געדריי.

אין ליידיקע, פוסטע מקומות,
שטרעקן פון ענדלאָזער ברייט;
מיט פונקן פון שטערן, לבנות
פאַרביילויפּט מיין וועג און פאַרגייט.

און נייע מרכבות, סיסטעמען,
זיי שיילן פון ווייט, ווייט זיך אוים;
מיט העלישע פייערן ברענען,
אַזש זון ווי אַ שפּענדל זעט אוים.

מיין ברענענדער שטערן, דער פאַקל,
פאַרשעמט ווערט פון ליכטיקער שיין;
פאַר שאַנדע, זיך רויכערט ווי שוועבל,
און פאַלט אין תהומ׳ען אַריין.

אין פלאַטער פון שוועבן, דערשראָקן,
אין שנעלקייט, לויף וועלטן פאַרביי;
מיין האַרץ, ווי אין יוגנשאַפט נעמט קלאַפּן,
איך ווער ווי געבוירן פון ס׳ניי.

אין גאַנג פון באַנייט-פרישע כחות — —
אַ ניי-וועלט שיילט העל זיך אַרויס;
איך גרייך באַלד די נייע מקומות,
וואָס זעט ווי די ערד-וועלט מיר אויס.

דערקען איך געשטאַלטן פון מענטשן
און פרעג זיי: אַ זאָגט מיר דעם סוד,
ווי לעבט איר דאָ אויס זיך די יאָרן
בשלום, אָן צאָרן, אָן מארד?

אין שטילקייט פון זוכן און גאַפן
פון ענטפער, וואָס שטיל האָב דערהערט,
פאַרשטיי איך אַז דאָס איז „גן עדן"
וואָס מענטשן פרום דיינקען אויף דער ערד.

איך זוך און איך נישטער די וועלטן,
און אַט האָב געפונען אַ וועג,
וואָס פירט צו דעם אָרט פון דער „שכינה״:
צום חיות, וואָס אייביק דאָרט שוועבט...

אין אויפברויז, מיט קרעפטן צו יאָג זיך
און גרייך באַלד די „קדושה״ אַליין...
פון אַלץ, וואָס אַהערצו דערטראָגט זיך,
איז בלויז נאָר פון ערד דער געוויין.

עס קלינגען אַף יאָמער געשרייען,
פון ליידנדער מענטשהייט אויף דער ערד;
די רירנדסטע, צאַרסטע געוויינען,
פון ווייטסטע, גאָר ווייטן זיך הערט.

צעטומלט, פאַרווירט און דערשראָקן,
געטראָגען האָב איך זיך גאַנץ ווייט,
ווי פיילן אוים בויגן געפלויגן,
מיין גאַנג אין די רוימען באַנייט.

איך פלי פון פּלאַנעט צו פּלאַנעטן,
ווי איר דאָ, פון שטעדטל צו שטאָט;
איך גרים אויף מיין וועג די קאָמעטן,
און בליץ-שנעל, ווי פייער זיך טראָג.

און ווידער אַנטפּלעקט זיך אַ וועלט מיר,
אין רוים-לאַנד ווייט, ענדלאָז אַוועק;
אַ קליינע, אַ שווארצע, וואָס דרייט זיך,
מיט וואַסער כמעט ווי פאַרדעקט.. .

און פעלקער, האַלב ווילדע, באַוואָפנט,
צעשטערן, וואָס צייט האָט געבויט;
איך פרעג זיך: וואָס איז דאָס פאַר חיות,
וואָס שאַלטעווען בלויז מיט דעם טויט?

וואָס ווייטער און שנעלער איך טראָג זיך,
דערגרייך איך די זינדיקע ערד;
וואו אייביק אין דראַנג-שטוים מענטש פּלאָגט זיך,
אויף לעבן און טויט מיט דער שווערד.

געפירט האָב איך אייך איבער וועלטן —
אין מוזע׳ס ממשלה געווען;
פון גרענעצן אירע פאַרשטעלטע,
אַ טייל נאָר האָט איר דאָ געזען.

נו, קאָנט איר מיט מיר זיך פאַרמעסטן,
איר פּרינצן פון רייכטום און געלט;
ווען שטערן זיינען מיינע חילות
און רוים-לאַנד מיין היים און געצעלט?

ווער קען דען צו מיר זיך פאַרגלייכן —
צום גליק פון דעם מזל אַליין —
ווען דיכטער פאַרמאַכט זיינע אויגן
קען זעלטן מיט ליכט ווער דאָס זען...

●

אַ נאַכט אין די בערג

בוימער, בוימער, זאַפטע צווייגן,
אויף די קייטן בערג צעשטעלט;
אין „קרעסטשענדאָ" הויך זיי שטייגן,
ווי די קרוינען פאַר דער וועלט.

שווער און פינצטער ביי די שטאַמען,
וויגט זיך ווער אין כישוף־טאַנץ;
שימערירן, פינקלען, פלאַמען,
צאנקן, טויכן זיך אין גלאַנץ.

שטייען בערג, פאַרגאַפטע, הערן,
ווי אין טאָל דאָס וואַסער קוועלט;
טובל'ען זיך אין טייכל שטערן,
שפּיגלען אָפּ די גאָרע וועלט.

און דערוואַכט פון פרייד, דערהויבן,
ווערט אין שפּעטער נאַכט מיין „שיר";
ווי די וועלט פון ס'ניי געבוירן
וואָלט געוואָרן איצט פאַר מיר.

זינגט פאַר פרייד, אָ מענטשן־קינדער!
שפּילט באַגייסטערט, ברויזט און קוועלט!
פאַר דער סימפאָני פון וואונדער,
וואָס מיר, מענטשן, רופן „וועלט".

שלאָפנדיקע בערג־געשטאַלטן
האָבן צום געזאַנג דערוואַכט
און דעם אָטעם איינגעהאַלטן —
זינגען אוים אַ לויב דער נאַכט.

אויפן טויט פון חיים נחמן ביאַליק

אין טרויער־טאָן, וועל איך מיין לירע שטיל אַנציען,
זיך פאַרגיין אין קינות־קלאָגענדען געוויין;
מיט אַש און זאַק, צו ערד, דער מוטער, וועל איך קניען,
ביטער וויינען אויף דעם בראָך, וואָס איז געשען.

אָפּגעטאָן פון פאָלק האָט זיך די עכטע שירה;
אָן אַ נביא געבליבען איז דער „גלות־העלד״!
ווער זשע וועט די שווערעליידן אַלע אירע
אויסזינגען, ווי חיים נחמן, פאַר דער וועלט?

און צום שטראָם פון פאָלקס אומענדלעכן ים טרערן,
גיס איך אוים מיין וויי, וואָס האָט דעם טאָג געבראַכט
אויף דעם דיכטערעשען הימלס גרעסטן שטערן,
וואָס געשיינט האָט, אין דער פינצטער גלות־נאַכט!...

„זייט מתפּלל, ליבע מענטשן, פאַר מיין לעבן״,
שטיל געבעטן האָט ער אין זיין לעצטער שעה;
„ווי אַ אידן, פּשוט מיינע ביינער איבערגעבן,
זאָלט איר צו דער אייביק טויטער רו״.

ניין, אַ מענטשן, — ניט געשטאָרבן איז דער דיכטער!
ניט פאַרשלאָסן איז דאָס מויל פון צער און פרייד!
איבער אַלע דורות וועט פון גרויסן נפטר
טראָגן זיך, זיין קול מיט פלאַמנדיקע רייד.

פרייד און טרויער פון מיין האַרפע, הער איך קלינגען:
שלאָף, אַ מענטשן־קינד, דו שיינער אין דיין שטילער רוה.
תפילה׳דיק, די לעפצן מיינע וועלן זינגען: —
„יתגדל! ויתקדש! שמה רבא!... ״

אלעגרעטא

(רעגען־פאַל אין די בערג)

ווײַנען די וואָלקענדלעך, גיסן מיט טרערן,
טראָגן אַ טרויער אויף בארג און אויף טאָל.
קאָרטשען זיך בלעטעלעך, ציטערן פרערן,
גרעזעלעך, גראָזן מיט וואסער־נעץ פול!

רינען די טראָפּענדלעך, דריבניקע פאלן,
דינע, דורכזיכטיק, געזייערט פון זעפּ;
רייד ווי די עכאָס זיך טראָגן און שאלן.
טריט־פוס און טראָט־גאנג מיט זאמד־שטויב פארקלעפּט.

ווינטעלע, ווינטעלט ווירבלט אַ לידעלע,
שאָקלען זיך זאנגעלעך, וויגן צום טאַקט —
צווייגעלעך פידלען, ווי סמיק אויף אַ פידעלע —
גייט שנעל דאָס רעגנדל, שטארקט זיך און פאלט.

ציען די וואָלקענדלעך, דרייען אין דרייען,
בלאָזן זיך שלעפּן ווי פוילע אין גאנג;
פרידלעך זיך טראָגן אין ים־לופט דעם פרייען,
שטויסן זיך, יאָגן אין שפּיל פון געדראנג.

טיף אין די נעסטעלעך פויגעלעך ליגן,
מײַלעכלעך אָפן צום שפּיץ־בוים ארויף,
מענטשן מיט בליקן צום הימל, זיי פרעגן:
„ווען וועט צום רעגן שוין נעמען אַ סוף?"

אויף מיין שיפל

איך פיל ווי מיט צייט רינט אוים מיין לעבן,
פאַרגייט ווי טוי פון זונשיין, פרי־פאַרטאָג ;
אַ קליינער שטח איז צום ברעג פאַרבליבן, —
און מיין געביין צום ענדציל שנעל זיך טראָגט.

לוסטיק צאַפלען זיך די יונגע שווימער,
פרייען זיך אין גלוסט, פאַרשייטע אָן אַ סוף ;
ווי פאַר׳משפט, צווישן מיינע ברידער,
שלעפּ איך זיך, פאַר פרעמדע, אָפּקומען אַ שטראָף.

עס פלאַטערן אין לופט די העלע זעגלען,
שפּיגלען וואַסערן אין בלוי דעם הימל אָפּ ;
אויפן דרך וואו מיר אַלע שווימען,
שטייגן זיי — און איך זינק הילפלאָז טיף אַראָפּ.

א נ ט ו י ש ט

געטויכט האָב איך אין טיפעניש פון וואַסער,
אין שרעק פון חשך מיין לעבן איינגעשטעלט;
אויף דער וויסטעניש פון גרונט, דער בלאַטע נאַסער,
פון „שעל" די פערל אויף מיין האַלז האָב אויפגעקרעלט.

אַן האַלדזבאַנד־שנור פון קאָלירטע כישוף פאַרבן
האָט מיין האַלדז באַצירט, און קיינמאָל האָב גאָר ניט פאַרדאַכט
אַז אין טיפעניש, פון מענטשנ׳ס אויג פאַרבאָרגן,
זאָלן זיין דאָרט פערל פאַלשע נאָכגעמאַכט.

●

אין מאָרגן־גרוי
פון שלאָפלאָזער נאַכט

עס קומט אָן דער מאָרגן פאַרשלייערט אין רעגן
אין שלאָפלאָז פון אומרו פאַרגייט שטיל די נאַכט;
ווי שטורמדיקע כוואַליעס אין ים־ברויז זיך קערן —
האַרץ מיינס אין בענקשאַפט קלאַפט הילפלאָז און וואַכט.

פאַרצויגן זיך טראָגן אין גרויען פרימאָרגן,
ווי שוואַמען די וואָלקנס זיי ציען אין גאַנג;
גרויע מחשבות אין בענקשאַפט פון זאָרגן,
זיי שעפטשען און פרעגן: ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג?

מענטש, באַרג, טייך און שטיין

1.

אַ באַרג!
ווי אַלע הויכע בערג:
פול מיט וואַלד דער קאָפּ באַדעקט-
שאַל-גרין ווייך אויסגעבעט —
אַ באַרג, ווי אַלע בערג אויף אונזער וועלט.

שטיי איך אומגעשטערט
לעם זיין זוים פאַרטראַכט, פאַרקלערט...
קלער איך, קלער זיך
טיף אין אים אַריין:
וועמען איז אויף וועלט דאָ בעסער זיין?
מענטש.
אין אייביק, אייביקן אומגיין;
אָדער אים,
אויף אן אָרט שטענדיק אַזוי שטיין?

שטיי איך, טרוים אין טיפן טראַכטן...
באַרג מיט מיר אין לאַנגן וואַרטן.

.2

א טײַך!
װי אַלע שלענגלדיקע װאַסערן אויף װעלט.
מיט די ברעגן אין זײַן שטרענגן װעג געשטעלט.
שפּיגל איך זיך אין דעם װאַסער
פֿונ׳ם טריפֿנדיקן טײַך.
איך, מיט פֿליסיקײט דער נאַסער
אין געדאַנקען-שטרײַט פֿאַרגלײַך.
אין זײַן טיף — ליגן אַלע הימל-װעלטן,
אַרום ברעג — בוימער, בלאַט און צװײַג-געצעלטן.
צװישן מיר און מײַן געדאַפּלטן געזיכט —
אַ װאַסער-שטראָם אין געלאָפֿן-גאַנג צעזינגט זיך:
זינגט אין קלאַנג פֿון פֿליסענדען פֿאַרגײן,
װיגט זיך שלענגלדיק אין שטראָם אַלײן.

— „װען דער שניי אויף אײביק װײַט װאו — דאָרטען
װעט צעגײן —
װעל איך אויך, װי דו,
אויסרינען און אויסגײן!” —

3.

אַ שטיין!
אַן עלנד כאַפּט אַרום צו קוקען אויף אַ שטיין:
שטום און איינזאַם, שטיל און וויסט
אין פעלד אַליין.
דאַרף איך דען אַ וואָרט גאַר ריידן,
וועגן דעם פאַרגלייך פוןביידן?...
קוק איך לאַנג נאָך אין דעם שטיין —
זע איך זיך אין אים אַליין:
אַן אַלטן, הארטן, אויסגעדאַרטן,
איינגעטרוקנט ווי אַ ביין.
פון דער שטום פאַרגאַפטקייט, צווישן ביידן,
הער איך שטווינענדיק, די שטילקייט ריידן:

— „אַ, דו קינד מיינס,
לאַנג נאָך לאַנג, וועט דיין געביין,
מיט דער וועלט-צייט ווייט פאַרגיין,
ביז מדרגה׳דיק דערגרייכן,
וועסט ווי איך,
צו ווערן שטיין“.

געוואוינן און געמאָסטן

כ'האָב געמאָסטן און געוואויגן
קנאה, שנאה, רעש און כעס.
גאָר מיט ליבע זיך באַצויגן
צו דעם סם פון מענטשן־האַס.

פאַר דעם שלאַנגען — מויל צעעפנט
האָב איך מיין פאַרוואונדעט האַרץ,
און פון שאַרפן ביס געלערנט,
ווי צו פאַרבן: ווייס — פון שוואַרץ.

●

הונגער

הונגער, הונגער אויף דער וועלט,
ליידן מענטשן מאַסן;
ציין און נעגל אָנגעשטעלט —
ברידער־מענטש זיך האסן.

הונגערט, הונגערט גאָר די וועלט! —
שפּייכלער פול מיט תבואה;
איבערפלוס פון גאָלד און געלט —
קיין סענט אויף אַ רפואה.

הונגער, צאָרן אויף דער וועלט!
חכמים פול מיט וויסן...
בלויז איין קלוגער שלאָסער פעלט,
דעם שייער אויפצושליסן...

ביים טיש פון פרייד

ביים שיינעם רייך־געדעקטן טיש — מאכלים,
אין באַהעלטן זאָל באַשטראַלט מיט פרייד פון געסט,
מיט דעם זאַלבן־דופט פון שמעקנדע פאַרפיומען,
אין אָוואַלענעם ראַנד, ווי בלומען אויסגעזעצט, —

דערזען האָב איך דעם וואַכעדיקן צער, ווי תמיד,
פאַרצוויגן, אויסגעשפּרייט דאָ אומעטום.
אין געשמאַקן בים, דערפילט האָב איך דעם אומעט
פון הונגער־מענטש, וואָס וואַנדערט היימלאָז ערגעץ אום.

●

זיך — און יענעם

זאָרג און דאגות מענטשן טראָגן,
אייביק מיט דער ווייניקייט;
וויפל מענטש זאָל ניט פאַרמאָגן,
בלייבט נאָך וואו אַ ליידיקייט:

פאַרלאַנגען ניט דערפילטע,
ליבעס ניט דערשפּילטע.
ניט גענוג פאַרמעגן,
שטאַפּלען ניט דערשטעגן...
יאָרן ניט דערשלעפּטע,
קוואַלן ניט דערשעפּטע.

ניט גענוג! — פאַר זיך אַליין.
מעג ווי ווייניק יענער האָבן —
„וועט ער זיך, ווי ס'איז באַגיין."

שרעק זיך ניט, מענטשן-קינד

צאַפּל זיך ניט, מענטשן-מענטש,
האַלט זיך ניט מיט ציין און נעגל
פאַר דעם קאַרגן ביסל לעבן.

וואָס איז דען אַזוי די שרעק,
איז דען שלעכט דער אַלטער וועג? ...

וואָס וועט דען אַזוינס געשען,
האָסטו נאָך דאָס ניט געזען? ...
הארט דיך דען,
וואָס ביז דיין „זיין״
ביזטו דאַן נאָך ניט געוועזן? ...

צאַפּל זיך ניט, מענטשן-קינד!
זעלבסט געקרוינטער העלד.
ס׳איז דער גורל פון אַלסדינג,
און אַלעם אויף דער וועלט!

ברוך רופא חולים

דר. נתן ראטנאפ׳ן

עס רוקט זיך אַן די שוואַרצע נאַכט,
זיפצן שווער די קראַנקע;
יעדערער אין בעט פאַרשפּאַרט —
ציט זיך נאַכט די לאַנגע.

שפּרייזן שאָטנס אויף די ווענט,
וויגן זיך אין שימער;
דאָס געשטאַלט האָב איך דערקענט!
אַן אַלטער גאַסט אין צימער...

„אוי" — צעטראָגט זיך שנעל אַ קול
פון אַ ווינקל ווייטן:
„אנטיפּאָניש" אויף אַמאָל
איכה־קולות שטרייטן.

אין אַ דיסאָנאַנסן כאָר
יאָמערדיק „קרעכטשענדע",
שניידן שאַרף די שווערע לופט,
אָן אַ סוף און ענדע.

— ווער־זשע וויגט זיך דאָרט אין שוואונג
אַלט־בעקאַנטע טענער...
שוין געהערט זיין קול און קלונג,
געפּיבערט לייב און ביינער.

נאָך אין צייטן יונגע גאָר,
איבער ווייטע לענדער,
אויסגעוווייטיקט דאָרט מיין שפּור
אין אַ וועלט אַ פרעמדער.

אָט ווי דאָן, אין שווערער פּיין,
יוגנט היים צובליטע!
אין מיין בראָוון שטאָלץ אַליין,
באַהיט האָב פון אַ שחיטה...

שוועבן גייסטער אין אומרו,
טויטע פעדים שפּינען;
שרייט אַ פרוי אין שפּעטער שעה,
קען קיין רו געפינען.

ווער קען דען אַ נייע האַרץ
אָט דער יונג־פרוי געבן?
צי דעם גוסס־אַלטן מאַן
שיינקען פרישן לעבן?

שאַלטעוועט דער ווייַ און פּיין,
רייסט דאָס האַרץ מיינס טריבער;
אויף מיין קראַנקען בעט אַליין,
טראָג דעם פּיין אַריבער.

ווי אַ שלאַכטפעלד איז דאָס הויז,
גאָר אָן שום חילות.
קעגן טויטן שונא בלויז,
שפּיזלען שפּריץ רופאות.

אָפּגעשטעלט האָט זיך די שלאַכט —
שטיל ארום געבליבן;
ס'האָט די שווידערלעכע נאַכט,
דער מאָרגן־גרוי פאַרטריבן.

ווי פאַרגליווערט אַלעס ליגט,
פאַרפייניקטע „גבורים"...
טריפט אַ טרער, און רחמים בעט:
— ברוך רופא חולים!

די שטילקייט וועט ריידן

(אַ טרייסט־וואָרט, צו די געטראָפענע)

אבלים, איר אַלע מעגט קומען,
אין אומרו שפּעט מיך אויפוועקן.
ס׳זאָל אייך אין פּחד ניט שרעקן
דער שלאָף פון מיין נאַכט־שטילן רוען.

אין בענקשאַפט וועל איך פון דער מוזע,
זיך שיידן פון איר אין פאַרקער...
קומט אַלע באַדריקטע אַהער!
און פרעגט, וואָס אייך הארב איז און קשה.

און אויב ניט קיין עכאָ פון פריידן,
קיין תשובה דער אויער וועט הערן —
גאָר ניט זאָל אייך ווען דאַן שטערן —
אין אָפקלאַנג די שטילקייט וועט ריידן.

צוזאמען, אָ, מענטשלעכע ליידן,
מישט אוים זיך טרויער און טרערען!
פון ים גרויסן צער וועט ווערן
אַ טרייסט און נחמה פאַר יעדן.

II

פּראָפּעטישע מאָטיוון

די זעאונג

איבער בערג פון מיסט, האָב איך זיך אומגעטראָגן,
פאַרנעבלט די אויגן פון רויך און ווינט.
מיין קערפּער צעביילט, פאַרוויטיקט צעשלאָגן,
און בלוט האָט פון פוס-טראָט געפּליסט און גערינט.
קיין שפּור פון אַ וויטיק, קיין ווי פון דער ווינד —
געטראָגן דערשראָקן האָט מיך ווער געשווינד.

געטריבן פאָרויס פון געהיים שטאַרקן כח,
אָן אָפּשטעל צו שטילן דעם הונגער און דאָרשט ;
צווישן דער ערד און הימלשער הויך —
געפירט האָט מיך ווער צו אַ געהיימספולן אָרט . . .
אומענדלעך געלעגן איז באַרג ווייט פאַרשפּרייט,
מיט אָפּפאַל פון מיסט, און מענטשן-ביין פאַרזייט,

ווי איינער, מיט לעבן, ווערט פלוצלינג באַגראָבן
און ווייַ-גרויל דערפילט אין זיין פינסטערן שלאָף ;
ווי איינער פאַרשלונגען, פון ים, ווערט פאַרטראָגן
און הילפלאָז פאַר רעטונג פאַרצווייפלט שרייט, רופט,
אין וואַנדער האָב איך זיך אַזוי ווייט געשפּירט,
ווען כח פאָרויס האָט געשטויסט און געפירט.

אין ווייטן מהלך דורך נעפּל פאַרצווינגן,
אויף קאַנווע צעזייטער, ווי גרין-ברוינער שטויב,
דורך מיינע פאַרשמאַכטע, פאַרשלאָסענע אויגן,
דערזען האָב איך שוועבן אַ שניי-ווייסע טויב.
אין פרידלעך פאַרמינערטן שוואונג פון איר גאַנג —
אַ פאַרמעט-מגילה האָט זי מיר דערלאַנגט.

און ווייטער געשווינט מיך האָט וואו ווער געטריבן,
דורך צוימען אָפּגרונטן פון שטיין הויכע בערג.
ביז פעסט אויף אַ שפּיץ-באַרג שטיין בין געבליבן,
פון וואַנען די וועלט גאַנצע זען האָב געקענט.
— שרייט אוים הויך מיט קולות! צעזינגט זיך צעקלינגט!
צעטראָגט מיין התראה פאַר וועלט-מענטש און קינד! —

פאַרכאַפּט איז געוואָרן די וועלט אין איין אָטעם,
שטיל, ווי פאַר וואָלקנבראָכם קומען פון ווייט.
קיין סימן פון ליכט-שטראַל, ווי זון זיך באַהאַלטן,
פאַר ווענמען וואָלט דאָרטן, אין פחד פאַר צייט:
שטיל, ווי די ערד וואָלט גע׳משפּט געוואָרן, —
נאָך איידער „בראשית" האָט וועלט גאָר געבוירן...
— — — — — — — — — — — — — —

„העי, איר אומריינע ערלים!
פון גזלה-רויב איר הארן!
שטערער פון דער רו און פרידן!
וויסטע, פינסטערע באַרבאַרן!

— „אַ שטרענגע וואך אויף וועגן ווייטע וועל איך שטעלן!
צווישן ים-גאָם און פליסנד-ריינעם טייך.
זיין גבורה אין צייט וועט קיין מאָל ניט פאַרפעלן,
וואכן, היטן יעדער מערדער-שפור פון אייך.
איין גרויסע תפיסה שאפן וועל איך פון דעם לאַנד!
פון די הויכן, וואכן וועט מיין שטרענגע האַנט.

— „אויסער אַלע גרענעץ פעלקער!
ווי צוואווילדעוועטע ברואים,
שיקן וועט מען אייך פאַררעטער!
קין-מענטשן! וועלט-גזלנים!!!

— „די בערג אין דרום ביז דער פלאַך וועל איך צעדריקן,
הפקר וועט איר ווערן, לויז און אומבאַשיצט,
ווי די פויגלען פאַר אַ גאָרטן־גולם וועט איר זיך שרעקן.
אייער ווידערשטאַנד און מי, וועט זיין אומזיסט.
— — — — — — — — — — — — — — —

שווידערלעך און שטיל איז אַלץ ארום געוואָרן,
ווי זיך איינגעשרומפּט וואָלט גאָר די גרויסע וועלט...
ווידער האָט די קראַפט מיך ווייט געטראָגן,
ביז כי אור — די זון האָט ערד מיט שיין באַהעלט.

באַזויפט, פון פרייד און שרעק, בין איך געלעגן,
שטיל אין רו, ווי נאָך אַ מעכטיק פאָרטאַ שפּיל פון קלאַנג.
ס׳האָט די הוילע וואר צוריק די וועלט באַשטיגן,
אַנגענומען האָט איר טעגלעך וואָכעדיקן גאַנג.

נאָר פון צייט אין איינזאַם פון מיין לעבנס עלנד,
ווי דער רעגן־בויגן זיך צו צייגן ניט פאַרפעלט —
שטיל אין בין השמשות׳דיקן מעריב־געגנט,
מאַכט דערמאָנען מיך אין אַלץ וואָס האָב דערציילט.

און די שבטים־קינדער, פון די ווייטע דורות,
וואכן וועלן אויף דעם נס, וואָס וועט געשען.
און די אחרית־צייטן וועלן זיין די עדות —
פון אַ חלום, וואָס אַ מענטשן־קינד האָט ווען געזען!

●

אויף א פעלזן-שטייל אַליין

כ'האָב געשוואוירן ניט צו ריידן
פון יסורים, פּיין און ליידן,
וואָס די שבטים-קינדער טראָגן ;
נאָר אין קראַמף די ציין פאַרקריצן,
איינגעשרומפּט פאַרשטיינערט זיצן.

זיצן אָבל'דיק געבויגן,
איינזאַם מיט פאַרוויינטע אויגן ;
ניט פון וואַנדערנדער אומה,
נאָר פאַר מערדער קינ'ס צייכן,
פון דער מענטשן-וועלט'ס פאַרברעכן.

העי, איר ווילדע גלאָקן-קלינגער !
טרפה העלדזער, פאַלשע זינגער !
ווער קען וועלט דען אייך פאַרטרויען ?
פעלקער-פאַנגער ! נעצן-שפּינער !
טויבע הערצער, געצן-דינער ! ! !

אויף א וויסטן פלאַץ א ווייטן,
וועל איך אייער וועלט פאַרבייטן
ביז דעם סוף פון אַלע דורות :
ווען דער קין-מענטש פאַרשווינדן
וועט מיט צאָרן גייסט, זיין ווילדן.

און ביז יענע טעג באַנייטע,
ביז די אחרית-צייטן ווייטע,
אויף אַ פעלזן-שטיין פאַרגליווערט,
זיצן וועל איך, גיסן טרערן,
ביז געלייטערט מענטש וועט ווערן...

כ'האָב געשוואוירן אייביק שווייגן,
שטיל אין איינזאַמקייט פאַרבלייבן;
ברענען טויטע-וואָרצל-סמ'ען —
מיט דעם מענטשן-גיפט צוזאַמען.

●

דער פריי-גייסט

מיט אייך, געפליגעלטע, וועל איך מיטפליען,
אין די ווייטע, פרייע וואונדער-לענדער;
צו די וועלטן אומבאַוואוסטע, וועל איך ציען,
פון מיין מענטש-וועלט דער בייזער און ווילד-פרעמדער.

פריי און זאָרגלאָז איבער אַלע זיבן ים׳ען
לויפן וועל איך פון דעם שווערן לעבן;
פון די וואָרצלן רייסן זיך — פון אַלע שטאַמען,
צו דעם פריי-גייסט מיין „איך״ וועל איבערגעבן.

טראָגט מיך, ווינטן, איבער אַלע ווייטע הויכן,
איבער וואָלקן-שטראָם און אַלע עקן-וועלטן;
ווייט, וואו תוהו-בוהו-שטאָם איז ווען געבוירן,
אין שטח פון דעם רוים, נאָך ניט געשטעלטן;

צום מקור בראשית-גרונט דעם לערן, פוסטן —
צייטן ניט געשטעלטע, אָרט, נאָך ניט פאַראַנען...
טראָגט מיך צו דעם סודות׳דיקן אומבאַוואוסטן,
צו דעם תוך, פון וואנען וועלט און מענטשן שטאַמען.

שטורעם-קלאַנגען

וואָס פאַר קולות הער איך אין מיין אויער קלינגען?
קלאַנגען, ווי דער קראַך פון וועלטן-דראַנג-צעשטער...
אפשר גאָר דאָס פּאָרכן פון מלאכים-פליגלען,
וואָס פון ווייטער הויך שוועבן שנעל אַהער?...

ניט פאַר מענטשנ׳ס פאַרנעם איז אָט דער גוואַלד-געפילדער,
ווי נאָך קיינמאָל האָט די ערד דאָס ווען געערט.
אימה׳דיקע קולות פון די שטורעמס ווילדער —
שלייכן זיך, דערגרייכן אונזער קליינע ערד.

טראָגן זיך די פייער-טענער, שיינען העלע,
אין פאַטאַלן, קאַטאַסטראָפעדיקן שוואונג;
צינדן חושכ׳דיקן חלל, רייסן שנעלער,
שניידן זיך אין מורא׳דיקן ערדן-שפרונג...

און וואָס אָט דער מאָנסטער-קלאַנג זאָל ניט געבוירן,
גאָר אָן פחד וואַרטן וועל איך אויפן סוף;
ווייל פאַרדאָרבן איז די ערד פון מענטש געוואָרן!
לייטערן, קען זי זיך נאָר דורך גרוילער שטראָף.

נאַקעט, הויל און אָרים

פאַרלאָזט האָבן די מענטשן־קינדער
בורא, וועלטס־באַשעפער,
און דעם שכינה־גייסט פאַרביטן —
אויף געצן און אָפּגעטער.

דאָס קול פון הייליקע געזאַנגען —
אויף פּראָסט שאַבלאָנע טענער,
און פאַרטיפטע מענטש־פאַרלאַנגען, —
די רויז און בלום — אויף דערנער.

שטרענג, גערעכטן, שטילן מענטשן:
פעלקער׳ס פאָלקס־פאָרשטייער —
אויף בעל גאוה־מענטש פאַרגרעבטן:
אויף אַ ליידיק־גייער.

און געבליבן איז די מענטשהייט,
נאַקעט, הויל און אָרים,
ווי אַ קויל אָן אויסגעברענטע:
אָן אויסגעשעפּטער ברונעם.

III

פילאָזאָפישע לידער

אלעגראַ

דאַכט זיך אָנגעלערנט,
גוט זיך אויסגעווײנט,
פון עק צו עק,
פון בלאַט צו בלאַט
דעם לעצטן דף פֿאַרבייגט.
די אויגן אויסגעווישט.
דאָס לעצטע ביסל טינט פֿאַרשריבן;
דאָך, פֿיל איך זיך ווי אַ קינד —
נישטיק, קליין
און אומצופרידן.

ווי אַ וואָרים,
פֿיל איך, וואָלט מיך נאָגן,
נאָגן אָן אָן אויפהער
און געיאָגט פון אומרו
איבער וועלט און לענדער —
נידעריק דערשלאָגן,
אומרו, דראַנג צו עפעס,
טרייבן מיך און טראָגן.

טראָגן מיינע שאלות
פֿאַר די גרויסע לערנער:
ברייגנען מיינע ראיות
פֿאַר די מענטשן־קענער:
פֿאַר די גרויסע מוחות,
לייגן מיינע פּלענער.

און אין טראַכט-מחשבה
זע איך רינגען פליען
אַרום וועלט און מענטשן,
פלאַקערן און גליען.

שטויסן מיך פאָרויס
אין וויטן וועג אַריין,
מיט דער חכמה-וועלט
זיך מישב זיין...

●

שטילע שטורעמס

מענטשן־גבורה — וויסן, כח!
ווער האָט אייך אויף ערד געבראַכט?
ווער האָט דאָס אין אונזער מח!
אַזאַ אוצר קלוג פאַרטראַכט?

איז דאָס מעגלעך, פריי און הפקר
זאָל זיך מערן אָן אַ סוף,
בלויז אין חומר־ליים דעם קערפּער —
אָט די קראַפטן פון מענטשן־שטאָף? —

אַז די מעכטיק גרויסע וועלטן,
זאָלן וואַנדערן אין גאַנג;
אָן באַגער זיך בלינד אומשלייכען,
אָן פאַרשטאַנד, און אָן פאַרלאַנג?

חכמות שטויסן זיך, ווי בלינדע,
מאָנען, פרעגן ביים געפיל;
ווי אויף שטורעם ים די ווינטן —
ברויזן טיף אין הארצן שטיל.

איינער אין דעם צווייטן

לעבט דער פיש אין וועלט פון וואַסער,
לעבט דער מענטש אין וועלט פון לופט —
לעבט אין בלאָטע-שמוץ דער נאַסער,
שרץ — ווי די בלום אין דופט.

אַלע לעבעדיקע וועזנס
שטוינען נאָר פון יענעמס וועלט —
אַלע אָטעמדיקע לעבנס —
מיט דעם חיות אין געצעלט...

האַלט די ערד זיך אין דעם גאָר ניט
פון דעם ליידיק פוסטן ים.
יעדער וועלטן-גרופּע פרוכט זיך,
ווי די זון אין ים פון פלאַם.

וויגט זיך ים אין ליים דער שיסל,
מיט דער ערד אין רוימלאַנד'ס שפּאַן.
יעדער מין — פון וועלט'ס אַ ביסל.
איז פאַר רוים, אַ זוים פאַראַן?

ווער?

העל, הויל,
ברייט, ווייט.
פוסט, ליידיק,
פריי, באַפרייט.

טיף —
ווי איר קענט טראַכטן.
ברייט —
ווי ווער עס קען פאַרשטיין.
שיין —
ווי נאָר באַנעמען
און דאָס אויג קען זען.

ווער זשע קען גענוי דאָס מעסטן,
און די ווירקליכקייט פאַרשטיין,
און דעם סוד פון וועלט דערגיין?

תיקו....

זאָגט מיר, קלוגע מענטשן, זאָגט:
וואָס בין איך אין מיין געשטאַלט?
אַ „יש" פון אים, דעם בורא גאָט,
אָדער חומר־ליים נאָר גלאַט.

בין איך ווי די שורות, ווערטער,
וואָס אין גאַנג פון „זאַץ" — באַהאַלט:
חכמות, סודות, קלוג פאַרקלערטע
און מיט צייט ווי שטויב צעפאַלט? —

זאָגט, חכמים, זאָגט מיר, זאָגט:
וואָס איז מענטש אין זיין פאַרגלייך!?
האַלב פון ערד און האַלב פון גאָט,
אָדער אַ מין אנדער זאַך?

װעלן מיר דאָס װען דערגרייכן?

הײם פֿון אַלע לעבעדיקע לעבנס!
װאונדער פֿון דעם גרױסן װעלטס־באַשאַף.
װאָס מער מח׳מענטשן טראַכטן, קלערן —
טיפֿער שטײען מיר פֿאַרטראַכט, פֿאַרגאַפֿט.

װעט אַמאָל פֿאַר אונז װען װער אַנטפּלעקן,
אַט דעם מעכטיק, שװינדערלעכן סוד!
און די סתירה שטיל אין אים דערװעקן,
װי בײם סיני־באַרג מיט זײַן געבאָט? —

אָדער אין פֿאַטאַלער קאַטאַסטראָפֿע,
װאָס אין אחרית־צײַטן װעט געשען —
װעלן מיר פֿאַרױס דאָס אַלץ דערגרײכען,
אָדער אין דעם דראַנג־שטױס אונטערגײן?

פאַר וואָס, פאַר וועמען און פאַר ווען?

נאָך וואָס די האַרבע רייד און זאָרגן?
צו וואָס פאַרשטערן זיך אַ וועלט:
רייסן, בייסן הויט און ביינער,
פאַר דער נויט זיין אויסגעשטעלט?

שמידן קלאַנגען, אין געדאַנקען,
שאַרפן טאָן אין שיר־געזאַנג;
ווען צום סוף פון אַלע סוף׳ן
גיין וועט אַלץ דעם זעלבן גאַנג!

און בעטהאָווג׳ס לעצטע ניינטע...
שטעטל, שטאָט, גאַס און דאָרף,
מיט דעם לידל־דזשעז פאַרשייטע,
וועלן האָבן גאָר איין סוף...

נאָך וואָס, אָ, מענטשן־קינד, ווארום
דראַנג און טומל אומעטום?...
צו־וואָס דער פלאַמען־ברויז און ברען!
פאַר וואָס, פאַר וועמען און פאַר ווען?

וואונדער איבער וואונדער

אַ לופט־קנויל, פּופּציק מייל די טיף,
שלעפּט זיך מיט דער ערד אין רוים,
אַ וואונדער, וועמנס הענט און הילף,
האַלטן שיטערקייט אין צוים?

גאַזן, לופט אין כלים האַרטע,
שווער צו האַלטן איינגעהילט
אין די אייזנטעפּ פאַרשפּאַרטע,
מיט גרויס טרחה אָנגעפילט.

און די ערד, געשפּאַנט אין שטח,
מיט דעם לופט־קנויל אין געיעג;
אין דעם רונדן גאַנג פון דרך,
ווערט ניט אויסגעוועפּט אין וועג.

וואָס פאַר וואונדער, איבער וואונדער
ליגט אין רוימלאַנד'ס גרויסער פּראַכט?
אין דער קלענסטער זאַך באַזונדער,
זעט איר ניסים, ווען איר טראַכט...

צום וועג פון אחד

פרץ ווערניקן

טעג, יאָרן, צייט, אייביקייט —
פוסטע-פוסטקייט, הוילע ליידיקייט...

וואָס מער די יאָרן מיט צייט זיי פאַרגיין,
פאַרמינדערט און קלענער ווערט ווייטער מיין וועלט.
וואָס מער דאָס האַרץ און מח פאַרשטייען —
ווערט גרעסער און ברייטער מיין רוימלאַנד׳ס געצעלט.

תוהו, חושך! רויע פינסטערניש!
בוהו, ווייעניש, הוילע וויסטעניש!

מורא׳דיק מעכטיק שפרייט אוים זיך די ברייטקייט,
פאַרכאַפּט און פאַרנעמט — אַ מאָנסטער אין גרוים.
אַז ערד און די וועלטן אין ליידיקער ווייטקייט,
ווי שפּילצייג פאַר קינדערלאַך זען מיר אוים.

פינטעלאַך נישטיקע! פינטעלאַך קליינע!
שיינענדע וועלטעלאַך, בלישטשענדע שיינע....

דונער־קראַכן! בלאַנקע פייער בליצן! —
אַ פונק ברויז פון קוימען, אַ פייער-שפּיל בלויז.
וויכער שטורמס! טיפע ערדציטערנישן! —
אַ שפּילצייג פאַר קינדער, אין אויג מיינם זעט אוים.

תוהו! וויסטקייט! אייביקע אייביקייט!
טעג, יאָרן! צייט און ליידיקייט!

וואָס מער די טעג, פאַרגיין מיט יאָרן,
פאַרשטענדלעכער ווערט מיר דער מיסטישער סוד.
וואָס ווייטער פון וויגל, אַליץ קלערער די שפּורן —
צום מעכטיקן שעפער, צום גרונט פון אחד.

IV

לידער מיט מוזיק

דער טורם-זייגער

קלינג-קלאַנג, קלאַנג-קלינג,
קלינגט דער זייגער שטיל, געלאַסן;
קלאַנג-קלינג, קלינג-קלאַנג,
טראָגט דער קלאַנג זיך איבער גאַסן.

און אַ ניגון אויף זיין שטייגער,
שפּילט אין קלאַנגען אוים דער זייגער,
מיט אַ טיפן טאָן-געבעט —
צו די הייזער רופט און רעדט.

וועקט דער מאַמען אין פרימאָרגן,
פאַר די קינדער שפּייז פאַרזאָרגן;
וויגט דעם מענטשן אין זיין שלאָף,
וויגט, פאַרוויגט און וועקט אים אויף.

קלאַנגפול קלינגט ער מיט איין קלאַנג,
ווען דער מענטש צו בעט ליגט קראַנק,
קלינג-קלאַנג, קלאַנג-קלינג,
קלינגט פאַר יונג אין טאַנצן-גאַנג.

אין דער שפּעטער שעה פון קלאַנגען,
וואַכט געליבטער אין זיין פרייד;
מיט די זעלבע זילבערקלאַנגען,
רעדט ער זיינע טרויער רייד.

און עס קלינגט אזוי כסדר,
טאָג און נאַכט און מיט אַ סדר;
קלינג־קלאַנג, קלאַנג־קלינג,
פון דעם וויגל ביז דעם קבר.

מאַנאַטאָנע וויגט די צייט זיך,
מיט די קלאַנגען, העלע קלאָרע,
און אַזוי געמיטלעך, קלינגט זיך
ווען מען ברענגט דעם מת צו קבורה.

קלינג־קלאַנג, קלאַנג־קלינג,
רינגט דעם מענטשן אין זיין אויער;
קלינג־קלאַנג, קלאַנג־קלינג,
קלאַפּט די שעה אין פרייד און טרויער.

●

דער טורעם-זייגער

THE TOWER CLOCK

Adagio Sostenuto

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

שבת קודש

שבת קודש איז געקומען
מיט זיין לויטער שיינקייט;
זאָרג און דאגות ווייט פאַרשוואומען
שטראַלט דער איד אין ריינקייט.

וויין און חלה צוגעגרייט,
אויפ׳ן טיש איז זויבער;
זון אין מערב שוין פאַרגייט
אין פאַרבענקטן צויבער.

ס׳שלישן איינציקווייז זיך צו,
אויף דער גאַס די קראָמען;
און די מאַמע בענטשט שוין ליכט,
צו זיין ליבן נאָמען.

אויפ׳ן אַלטן סידור שטראַלט
דאָס געזיכט, דער באָבעס;
און אין שול דער טאַטע איילט
צו קבלת שבת...

זינגט דער חזן אויפ׳ן קול:
„לכה דודי לקראת כלה..."
ענטפערט קהל אויף אַמאָל:
„בואי, בואי כלה".

היילִיק קומט דער שבת קודש
צו אונז שטיל אריבער:
צינדט זיך אָן דאָס אידיש האַרץ
מיט אַ פרייד אַ ליבער.

שבת קודש

DAY OF HOLINESS

Moderato

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

„דער רויבער"

.1

פרי נאָך אין דעם מאָרגן
שטייט אַן אַלטער מאַן,
קלייבט פון אָפּפאַל ברעקלאַך,
קוקט אין קאָרב אַריין.

.2

נישטערט אין דער פינסטער
אין דעם גרוי פאַרטאָג —
איינזאַם אין זיין עלנד,
שלעפט ער זיך און טראָגט.

.3

אַלט און איינגעבויגן
מיט די דאַרע הענט,
שאַרט ער אין דער פינסטער,
נישטערט ביי די ווענט.

.4

אין די שלעכטע צייטן
אויך דער קאַסטן מיסט
פול איז בלויז מיט ביינדלאַך —
דרייט ער, זוכט אומזיסט.

.5

„אַ וועלט אַזאַ געוואָרן"
— רעדט ער שטיל צו זיך —
„ווער וויל דאָס באַזאָרגן
אַלטע לייט ווי איך?"

6.

„קינדער דאָ געבוירן,
טעכטער און אויך זין,
דורות דאָ דערצויגן —
פרעמד דער וועלט איך בין".

7.

„פארכאַפּט האָבן די רייכע
אוצרות אָן אַ שיעור,
מיר געלזאָט אַ טאָרבע,
גיין פון טיר צו טיר"...

8.

ביי דער זייט פון געסל
בלויז אַ צוויי־דריי שפאַן,
קוקט אַ קאַץ מיט קנאה
אויף דעם אַלטן מאַן.

9.

הונגעריק און זשעדנע,
בייזערט זיך אין שרעק,
ווייל איר לעצטן ביסן
כאַפּט דער מענטש אַוועק.

10.

און דער זקן מערקט ניט
אָט די שלעכטע זאַך,
ווי אים די וועלט „באַ'גזל'ט"
און ער מיט איר צוגלייך...

„דער רויבער"

THE OLD SCAVENGER

Andante

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

רעיונות

טענער לאַנגזאַמע און שטילע
פלאָנטערן זיך אין געדאַנק...
ווי די וואַסער־רינגען מילדע,
וועקן מיין געדאַנקען גאַנג.

טראַכט מחשבות שטיל דער מוח,
רעדט דאָס האַרץ אין אַ פאַרלאַנג,
ווי דער קלאַנגען־גאַנג אין הויך:
עולמות פון רוימען־לאַנד.

בענקט דאָס האַרץ נאָך וויטע וועלטן,
פילט נשמה זיך אַליין;
קען פון זיך ניט אויסבאַהאַלטן,
נאָגט דאָס האַרץ אין שטיל געוויין.

טראַכט דער מוח שטיל מחשבות,
רעדט דאָס האַרץ צום טראַכט־פאַרשטאַנד;
ווילן אויסבאַקומען תשובות,
אויף דעם מענטשנ׳ס וועלטן־גאַנג.

תורה, חכמה,
וועלט און גאָט!
מענטשן! ברואים!
לעבן, זאָרג!

טראַכט רעיונות שטיל דער מוח...
ענגען וועלטן ווייט אַרום;
ווער־זשע גיט זיי דאָרט דעם כוח,
וואַנדערן און שוויַיגן שטום?

צי איך אָן מיַין האַרפּען־סטרונע,
נעם אין פּילפּול מיַין אַקאָרד,
פול מיט ערנסטער כונה,
גריבלען זיך צום גרונט פון סוד.

●

רעיונות

MEDITATIONS

Misterioso

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

מיל און מילנער

דרייען מילן רונד די רעדער —
דרייט דער מענטש אַ קאָפּ;
גייט דאָס לעבן אַזוי ווידער,
מיט זיין גאַנג און טראָט...

טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט,
ווי דער אַלטער למדן
ליינט אַ בלאַט אויף אַ בלאַט,
שניידט אין פּנים קאָרבן.

קאָרב נאָך קאָרב, בלאַט אויף בלאַט,
ווי די דאָרע צווייגן,
טעג נאָך טעג, צייט אויף צייט:
טוען יאָרן שטייגן.

דרייען מילען רונד די רעדער —
דרייט דער מענטש אַ קאָפּ;
גייט דאָס לעבן אַזוי ווידער,
מיט זיין גאַנג און טראָט.

ביז דער סופר ווערט שוין מיד, —
אַלט אין אַלע גלידער:
און אַ נייער נעמט זיין פּלאַץ,
מישט די בלעטער ווידער.

מישט ער, בלעטערט ער און לערנט,
ביז ער אויך גייט שטאַרבן,
און אין גאַנג אַזוי כּסדר,
איינס דעם צווייטן ארבן.

דרייט עס זיך אַזוי און דרייט זיך
אויף דעם אַלטן שטייגער ;
דורות גייען, דורות קומען
לאַנגזאַם — און כסדר.

און דאָס לעבן ווי די מיל
שטענדיק טוט זיך דרייען ;
ווייל איין דור שטאַרבט שנעל אָפּ
אַ צווייטער קומט צו גיין.

דרייען זיך פון מיל די רעדער,
גייען, קומען צייטן.
מילנער מאָלן און פאַרגייען —
מיל — טוט זיך ניט בייטן.

●

מיל און מילנער

THE MILL OF LIFE

Allegretto

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

צו די כוואַליעס...

פון וואַנען קומט איר, כוואַליעס גרויסע,
פון וואַנען שווימט איר אַזוי ברייט?
פון די קאַלטע טיפע גרונטן
צי פון ברעג, וואָס וויַיט פאַרגייט?

האָט איר אפשר אין דעם שווימען
ס'מזל מיינס אוואו געזען;
אָדער צו דעם גרונט פון ים'ען
אים געזען האָט אונטערגיין?

רעדט, אָ, ברויזנדיקע כוואַליעס,
מיט דעם רעש דערציילט די וואָר! —
ווייל אַ לעבן ווי איך יאָג זיך
נאָך די מזל'דיקע יאָר.

און אויב זיי ליגן וואו באַהאַלטן,
זאָגט בסוד מיר אויס דאָס אָרט...
אין מיין פיין דעם ים וועל שפּאַלטן
און דאָס האַרץ מיינס לאָזן דאָרט.

צו דיכוואַליעס

WAVES

Andante

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

פון די קינדערס וועגן

טאַנצט זשע קינדער,
שפּילט זיך אַלע,
גייט אַ קאַראַהאָד;
נעמט זיך פריילעך,
באַ די הענטלאַך,
מאַכט אַ גרויסע ראָד.

אָט אַזוי,
דרייט זיך אַלע,
טאַנצט און שפּרינגט און זינגט;
קליינע קינדער
דאַרפן לערנען —
וויסן פון אַלצדינג.

לערנט אַלע
מיט גרויס חשק,
ווען נאָך יונג איר זייט;
ווייל ווען איר
וועט עלטער ווערן,
וועט ניט זיין קיין צייט.

טאַנצט זשע קינדער
זינגט זשע אַלע,
לערנט מיט גרויס חשק;
ווייל פון אַלעם, איז דאָס לערנען,
גאָר דער בעסטער עסק.

פון די קינדערס וועגן

JOY OF YOUTH

Andante Moderato

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

קלאַפּט, קלאַפּט, קינדערלאַך

קלאַפּט, קלאַפּט, קינדערלעך,
מיט די הענט און פינגערלעך,
קלאַפּט זשע איינס און צוויי,
גיכער, אָט אַזוי.

טאַנצט, טאַנצט, מיידעלעך,
אין די שיינע קליידעלעך,
דרייט זיך אַרום טיש,
מיט די פלינקע פיס.

האָפּ, האָפּ, אינגעלעך,
מיט די קעפּ און צינגעלעך,
זינגט און קלאַפּט שנעל אויס,
פון דעם האַלדז אַרויס.

דרייט זיך, דרייט זיך, קינדערלעך,
אויף די שפּיץ פינגערלעך,
דרייט זיך איינס און צוויי,
שנעלער, אָט אַזוי.

קלאַפּט, קלאַפּט קינדערלאַך

CLAP, CLAP, LITTLE ONES

Andantino

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

טייער קינד מיינס

טייער, קינד מיינס, קום צו מיר,
איך וועל לעבן נאָר פאַר דיר,
פאַר דיין גוטס און פאַר דיין שלעכטס,
וועל איך קעמפן לינקס און רעכטס.

ווייל דיין פּנים, ליכטיק, שיינער,
איז ביי מיר פאַראַן נאָר איינער;
דיין געזיכט און דיין געשטאַלט,
טיף אין האַרצן שטיל באַהאַלט.

קום זשע, אָ, דו ליבסטע מיינע,
שיינער חלום, צאַרטע, פיינע.
זאָג מיר, האַרץ מיינס, נאָר איין וואָרט,
וועט דאָס גליק אונז שיינען דאָרט.

דאָרט אין הויז, אין שטילן חדר,
אין מיין נעסט מיט דיר כּסדר,
ליבן וועל איך דיך, מיין טרויס,
אייביק, אייביק, אָ, מיין קרוין!

טייער קינד מיינס

BELOVED

Allegretto

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

אין געדריי פון לעבן

דרייט זיך מענטשן שנעלער, גיכער,
קלאַפּט אין גרויסן טומל;
טראָגט זיך, יאָגט זיך, ווי אַ וויכער,
רייסט זיך ביזן הימל.

שפּאַרט פון זיך אַרויס די פּאַרע,
שטרענגט אָן אַלע כּוחות;
יאָגט זיך טראָגט זיך, ווי אַ כמאַרע,
ציט אָן אויג און מוחות.

אויפן וועג צו גרויסע גליקן,
לויפט, ניט צו פאַרזאַמען,
דאַן וועט אייך דאָס לעבן שיקן,
פון גן עדנ׳ס טעמ׳ען.

שווער איז היינט אַזוי דאָס לעבן,
ווי דעם אָקס אין אַקער:
אין די וואָלקנס מוזט ר שוועבן,
ברענען ווי אַ פלאַקער.

ווייל דעם לעבן מוזט ר נעמען,
און מיט גוואַלד עס רייסן;
פאַר דעם דלות זיך ניט שעמען
מיט די ציין אים בייסן.

ניט קיין חכמות, ניט קיין יחוס,
קען אייך ווען ס׳איז העלפן;
צו פאַרלייכטערן די צרות;
מוזט איר תמיד קעמפן.

ניט דערציילט פון עולם הבא,
און משיח׳ס צייטן;
ניט פון שור־הבר, לויתן —
וועט זיך ס׳מזל בייטן.

דאָ אויף דער וועלט, פון דער ברכה,
אויב איך ווילט נאָר וויסן,
שכר און לוין פאַר דער טרחה,
וועט איר דאַן געניסן. . .

ווייל נאָר דער וואָס קען באַזאָרגן,
זיך מיט גאָלד און געלדער;
איז אַ יחסן און בעל מזל,
איבער וועלט און לענדער.

דרייט די רעדער, גיכער, שנעלער,
קלאַפּט אין אַלע טאַצן;
טראָגט זיך, יאָגט זיך, ווי אַ וויכער,
ביז די סטרונעס פּלאַצן.

קלייבט צוזאַמען אַלע כוחות,
נאָר זיך ניט ג׳דאגה׳ט,
ווייל אין פּראַצע ליגט דער תכלית,
גליק און פרייד — אין אַרבעט.

●

אין געדריי פון לעבן

TURMOIL OF LIFE

Allegretto

Music by PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

V

סימפאָנישע פּאָעמען

אַ סימפאָני

אַ סימפאָני:
בציבור׳דיקער קלאַנג-געזאַנג,
וואָס גיסט זיך ברייט פאַנאַנדער,
ווי אַ שלייכענדיקער טייך אין גאַנג —

ציט זיך דורך בערג און טאָלן,
רייסט זיך איבער פעלד און וואַלד.
דורך לענדער, וועלטן-טיילן,
איבער פעלזן-שטיינער פאַלט.

אַ סימפאָני!
אין איין אָטעם-שפּיל פאַרגייט זיך,
טראָגט זיך, שלענגלדיק ווייט קערט,
ביז צום זוים פון ים-גום שלייכט זיך,
אין דער מולטער, אויסגעשיילט פון ערד.

אַ סימפאָני, אַ סימפאָני!
פיר קלאַנגען-טיילן אין איין גאַנג.
ווי אַ בלומענקראַנץ אַ שיינער —
אַ געוועב פון כישוף טענער.
אין אַקאָרדען-גאַנג אַ וועלט-געדאַנק!

אַ סימפאָני, אַ מעלאָדי —
אַ פאָלקס-געזאַנג, אַ ראַפּסאָדי —
אַ קלאַנג-געדאַנק, אין האַרמאָני.

.1

סימפאָנישע פּאָעמע — („עראָאיקאַ")

איבער בעטהאָוונס דריטער סימפאָניע

אַלעגראָ קאָן־בריאָ

(ערשטער טייל)



1) איינס, און צוויי, קלאַפּט אוים מיט גבורה,
דער אָרקעסטער, פול און גרוים;
יעדער קלעזמער אָט די בשורה,
מיט באַגייסטערונג זינגט אוים.

2) נאָך דעם צוויי־קלאַפּ, קאָלאָסאַלן,
אויף דעם דריי־קלאַנג פון אַקאָרד,
מיט דעם איינפאַל, געניאַלן,
נעמט די טעמע באַלד דאָס וואָרט.

3) ערשטן ניגון ווילאָנטשעלן,
אין דרייפערטל — וואונדער שיין —
פול מיט פרייד זיי קלינגען, קוועלן,
וואָס די ערשטע פידלען גיין.

4) ווי אַ שטילער קוואַל, געלאַסן,
שלענגלט זיך אויף מיילן לאַנג,
מיט די פרישע שטראָמען וואַסער
אין זיין ווייטן לאַנגן גאַנג,

5) זעטיקט פעלדער, קרעפטיק וועלדער,
שפּייזט די וואָרצלען, גלעט און שווייַנקט —
מיט די טויען פייכט און זאַפטיק
שפע פאַר דער מענטשהייט ברייַנגט, —

6) אַט אַזוי די ערשטע טעמע
גיסט זיך אויס, אָריגינאַל,
אין פיר טאַקטן, זיך פאַרנעמען,
גראַציעז, ביז דעם פינאַל.

7) ס׳האָבן אַלע מוזיק-קענער,
די אַפּאָסטאָלן פון קלאַנג,
איינער פון דעם צווייטן שענער,
נאָכגעמאַכט אַט דעם געזאַנג.

8) אַזאַ מייסטער ווי פראַנץ שוּבערט,
אין זיין סימפאָני אין „סי״
האָט באַהויכט זיין ווערק מיט זעלבער,
חנ׳עוודיקער מעלאָדי.

9) און דעם ריטם האָט אַנטנומען
יאָהאַן בראַמס, אין ווערק פון „די״,
ווי ס׳האָט פריער אים גענומען
פראַנץ פאָן שוּבערט אין קלאַנג „סי״.

10) און בכבודו, הער בעטהאָוון,
אין זיין שפּעטן שאַפונג-דראַנג,
האָט אליין איבערגעבוירן
אין סאָנאַטעס אַט דעם קלאַנג.

11) קײטלט זיך אַזױ און קײטלט:
מאָצאַרט קלינגט מיט הענדלס טאָן.
באַכ׳ן, מענדלס זון פאַרהײליקט.
װאַגנער שעפּט פון מענדלסאָן.

12) כאָפּן, נאָשן, אײנס פון צװײטן,
שטעלן איבער קלאַנג קאַפּױר...
קומען, שעפּן פון דעם גרײטן,
קלינגט דער טאָן פון דור צו דור.

13) אימיטאַציעס זיך יאָגן
אין אַ „פוגע-שפּיל" פאַרקלערט.
„קאָנטראַפּונקטנע" טענער שלאָגן
נײע פאָרמען אין געפלעכט.

14) װי אַ שטורעם, אַ טאָרנאַדע,
טראָגט מיט װיכער זיך פאַנאַנד;
אין זײן װײ פון חבלי לידה,
שפּרײט זײן װעג דאָ דער גיגאַנט.

15) קײן מאָל האָט זיך נאָך בעטהאָװן,
ניט פאַרמאָסטן אַזױ ברײט;
זײנע װערק פון פריער האָבן
אַזאַ קונסט נאָך ניט געדײעט...

16) נײעס האָט ער דאָ געשאַפן,
קאָמבינירט די מעלאָדי.
מיט די כל׳זמר׳דיקע װאָפן,
אין דעם שטרײט פאַר האַרמאָני...

17) נײע פּלענער, נײע װעגן, —
אין פאָראױס געגאַנגען װײט.
נײע רעגלען אונז געגעבן
געגן אַלט-געשטעלטער צײט.

18) זיך אַליין האָט איבערטראַפן,
אַזוי חכמה'דיק געשיקט;
ווי נאָך קיין מאָל האָט פאַרלאָפן
זיך אין לויף פון דער מוזיק.

19) אָט פאַרפירט ער אייך אין שטורעם,
וואו עס שליידערט, ווארפט אַ שרעק;
אָט־אָ נעמט ער אייך ביים אָרעם,
פירט אייך זיכער צו אַ ברעג.

20) שימערט שפּיל דאָ ווי אַ חלום,
פידלער טרעמאָלירן טיף...
שטרייטן, שטרייטער, מאַכן שלום,
ווען עס קלינגט אויף דער מאָטיוו.

21) רחבות'דיק טראָמבאָנען שפּרייטן
פרייד, דורך כישוף'דיקער לופט.
דריי וואַלטאַרנעס און אויך פליייטן
צו דער „קאָדע"־שפּיל פאַררופט.

22) און נאָך העכער ווערט דאָס רוישן
פון די הונדערט פערציק, „באַרס":
טענער ברומען, טענער ברויזן, —
צינדן פלאַמען אין עקסטאַז.

23) גראַנדיעז איז אָט דער חלק,
לעבעדיק אַזוי און רייך;
וואָס געווען איז פריער פאַרהייליקט,
קלינגט אונז אָפּ היינט בלאָס און שוואַך.

24) און פון אַלע קלאַנגען־דיכטער,
קינסטלער פון דער לעצטער צייט;
ביי דער מוזיק־וועלט פאַרבלייבט ער
ביז דער ווייטער אייביקייט.

2.

דער טרויער מאַרש

אדאזשיאָ אסעי

(צווייטער טייל)



1) גאַרט זיך אָן אין טיפן טרויער,
וואַרפט אַרויף אויף זיך אַ זאַק;
צירט אין שוואַרצן טיר און טויער,
נעמט אויף זיך דעם יאָך פון פּסק.

2) טענער-טרערן און געוויינען,
פידלען שפּילן טיף אין שוואַרץ;
לאָזט דער אומעט ניט אָפּ קיינעם,
וויגט אין טרויער יעדער האַרץ.

3) אויף וועמען קלאָגסטו, בעל מקונן!
אויף דעם מזל פון דעם העלד?
אָדער אויפן לעבן דיינעם, —
פון דעם צער אויף דער וועלט?

4) קלאָגסטו אויף דעם מאָסן אומגליק,
פון מאַרשירנדער אַרמיי,
וואָס געפונען האָט אומשולדיק,
דאָן דעם טויט, אין פראָסט און שניי?

5) ריטמיש, לאַנגזאַם אין „פינעבראַ"
מיט די „האָרנס" און „באַסונס",
שפּילט די גאַנצע כלי־זמר־חברה,
אָט דעם טרויער־מאַרש פון קונסט.

6) ווי די טרערן, פאַלן טענער
אין „אַדאַזשיאָ אַסיי"!
טיף אין טרויער, יעדער איינער,
מיטגעצויגן ווערט מיט זיי.

7) טראָגט זיך אָן אַ צווייטע טעמע,
אין „מאַזשאָרנעם" שטרענגן גאַנג;
מיט באַגייסטערונג זיך נעמען,
לעבן אויף אין פרייד פון קלאַנג.

8) ווי ער וואָלט דעם אומעט טרייבן
אין דער ברייטער וועלט אריין;
און די מענטשן וואָס שטילליידן,
זיי מנחם אבל זיין.

9) אין צוויי פערטל, פון דעם ריטם
הויבן זיי זיך אָן פאַרגיין;
טרויעריק און שטרענג זיי היטן
יעדער שטריך פון שפּיל־געוויין.

10) ווי פאַרלאָזט פון איר געליבטן,
זיצט די יונג־פרוי, שטיל, אַליין
אַ פאַרשטויסענע, באַטריבטע
אין אַ יאָמערדיק געוויין...

11) בייט זיך ווידער פרייד אויף טרויער,
טראָגט זיך קלאַנג אין ווילדערניש.
צום געוויין נייגט יעדער אויער, —
בלאַנדזשעט מענטש אין פינסטערניש!

12) טיפע קולות שרייען, קלאָגן,
ס'ברומט אַ טאָן פאַרצאַרנט, שעלט;
ווי אַ מיטה וואָלט מען טראָגן,
מיט אַ בר'מנן צום פעלד...

13) קלאָגט אַ מענטשן, מיט אין טרויער!
וויינט און ברעכט אין צאָרן אוים;
אויף די מאַסן, אומגעהויער,
אַ סכנה לויערט, ברויזט...

14) אַט אַזוי באַקלאָגט בעטהאָוון
אין דער דריטער „סימפאָני"
דעם באַגאַבטן, באַנאַפּאַרטן,
אין אַ וועלט פון מעלאָדי.

15) פול מיט טיפן ווי און טרויער
שטייגן ווייטע טענער אויף!
וויינען, קלאָגן אומגעהויער,
אויף זיין טרויעריקן סוף.

16) מענטשן גייען קעפּ געבויגן,
גרויסע מענגען, אָן אַ צאָל;
חושך האָט זיך ברייט פאַרצויגן —
יעדער בליק אין טרערן פול.

17) אויף דעם דריי־קלאַנג פון דער „גאַמע",
אַ מאָטיוו זיך וועבט און שפּרייט;
ווי אַ שיינע פּאַנאָראַמע,
טראָגט פאַרביי זיך און פאַרגייט.

18) קינות זעצט זיך אַלע זאָגן!
אַש באַשיט אויף יעדנס קאָפּ;
מיט געוויין זיך ווינטן טראָגן,
פּויקן־דראָם אין ריטם קלאַפּט.

19) ווי נאַפּאָלעאָן האָט באַצוואונגען
מיט זיין חיל גאַר די וועלט, —
מאָלט „עראָאיקאַ" אין קלאַנגען,
מיט פּאַרנעם דעם מענטשן־העלד.

20) מישן זיך די קלאַנגען איבער,
לעבן אויף מיט טיפער פרייד;
טאָן פון טרויער שוועבט פאַריבער,
ווען דער העלד אין גלות גייט.

21) שלום מאַכט ער מיטן מזל,
אָט דער שטרייטנדער טיטאַן;
אויף דעם קליינעם וויסטן אינזל,
ווערט געשיקט נאַפּאָלעאָן.

22) שוואַרצע וואָלן־כמאַרעס גייען,
און דער חושך דריקט און שרעקט;
מענטש און בוים פאַרגליווערט שטייען,
אין אבלות אַלץ פאַרדעקט.

23) ווי אַ מענער כאָר, דערהאַבן,
קלינגט אויף קלאַנג מיט לעבנס־מוט;
אין דעם טעמבער־קלאַנג פון פאַרבן,
ווי אַ קול פון פלייש און בלוט.

24) פאַר די ליבע מענטשן־קינדער,
סאַי אין נחת, סאַי אין פרייד,
האָט דעם טרויער מאַרש, דער קינסטלער,
אויף דור־דורות אָנגעגרייט.

.3

סקרעצאָ און טריאָ

אַלעגראַ וויוואַטשע

(דריטער טייל)



1) קלאַנגען שוועבן אונטן, אויבן,
קורצע טענער, זייט ביי זייט ;
ווי אַ טייבעלע וואָלט קלייבן,
פּיקן קערנדלעך פֿאַרשייט.

2) פֿאָרכעט, טראָגט זיך שפּיל אַלץ העכער,
אין כראָמאַטישן געזאַנג ;
אין „וויוואַטשע" שטרענגער, פֿרעכער,
ביז צום פֿינפֿטן טאָן פֿון קלאַנג.

3) שטעלט זיך אָפּ און טראַכט אַביסל,
פּיקט און פּיקט דעם זעלבן טאָן ;
אין דעם „דאָמינאַנטע" שליסל,
פֿאַנגט אַ „שיר" פֿון ס'ניי זיך אָן.

4) קומט אַ צווייטער פֿויגל פּיקן,
אינטערוואָלן ברייטע מאַכט ;
און אין באַס דאָרט, ענג זיך דריקן,
האַלבע טענער ווייך און זאַכט.

5) איר דערפילט זיך מונטער, פריילעך,
נאָך דעם טרויער פון דעם מאַרש,
ווי אַ פירשט, אַ פרינץ, אַ מלך,
מיט אַ פול דערהויבן האַרץ.

6) מיט די יובלדיקע טענער,
דריטע טייל קלינגט אויף אין פול ;
ווי אַ כאָר פון העלדן־זעלנער,
וואָלטן זינגען אויף אַמאָל.

7) וואַכן, ברויזן אויף געדאַנקען,
אין אַ קריגערשן פאַרלאַנג,
פון טראָמייטן־שאַל און קלאַנגען
און מלחמה׳דיקן דראַנג.

8) דורך די טענער ווערט געמאָלן,
ליידנלוסט און העלדישקייט ;
אין דעם פויקנקנאַל און שאַלן,
באָנאַפּארט׳ס פערזענלעכקייט,

9) זילבערדיקע טענער, פריילעך,
הערט זיך איצט אין דער מוזיק,
אַזוי רירעוודיק און מענליך,
צו דעם העלד — דער רעפּובליק.

10) „סינקאָפּאַציעס” אין נידער,
ריזלען, ציען ווי אַ שטראָם ;
הערן אויף און קלינגען ווידער,
שטויסן, פאַלן אין תהום.

11) ביז די אָפּגעהאַקטע נאָטן,
ווי די שפּיזען דין פאַרשאַרפט,
ווערט די טעמע דאָ פאַרטראָטן
אין דעם גרונט־טאָן פול מיט קראַפט.



12) האָרנס שפּילן אויס די טריאָ,
אין דרייפערטל, צוויי און איינס ;
ווי פּאַרצייטיקע טראָמייטער
שאַלן זיי די טענער אויס.

13) און דער ניגון אויף דער „גאמע"
דעם געהער עם צערטלט, גלעט ;
ווי אַ ברייטע פּאַנאָראַמע
טראָגט דער שפּיל זיך אין „אי פלעט".

14) ווי אַ מענער כאָר וואָלט זינגען
אַ כאָראַל, טיף רירנדיק ;
ווי זיי וואָלטן אים אויפקלינגען
פאַר די אויגן צירנדיק.

15) אויף די ווינסטע, קרומע וועגן,
פול מיט דערנער, שטיין און שטויב,
וואָס איז לאַנג אַזוי געלעגן,
האָט בעטהאָוון אויסגעבויט

16) גלאַטע וועגן, וואונדער שיינע,
גרייט פאַר אַלעמען צו גיין ;
שפּרייטן זיי זיך ברייטע ריינע,
ווי זיי וואָלטן אַזוי שטיין. —

17) נאָך פון אַלטע, ווייטע צייטן,
אויסגעפּלאַסטערט, אויסגעלייגט ;
און אויך בוימער ביי די זייטן
פאַר די מענטשן אָנגעגרייט . . .

18) גלישט זיך! שוועבט אויף די אַספאַלטן!
קייקלט שנעל, געשווינד די ראָד;
שווערע מי ליגט דאָ באַהאַלטן,
מענטשנ׳ס פּראַצע: שווייס און בלוט.

19) גרינג איז איצטער זיך צעטראָגן,
גיין אויף אויסגעבריייטן וועג;
לייכט צו ריידן און צו זאָגן,
ווען מען לערנט פון די ווערק.

20) וואָס דער מייסטער האָט געשאַפן,
אויסגעפורמעט אין געדאַנק, —
ווי אַ רופא פאַר דעם שלאַפן,
ווען אַ הילפלאָזער ליגט קראַנק —

21) האָט דער מייסטער, דער געניטער,
זי פאַרברייטערט און פאַרצווייגט;
מיט דער סימפאָני, דער דריטער
האָט בעטהאָוון דאָס געצייגט.

22) אַלע זיינען קינסטלער בריה׳ס,
ווען זיי האָבן פאַר זיך גרייט,
אָט די קלאַנגפולע פּאָעמעס,
וואָס בעטהאָוון האָט דערגרייכט.

23) פאַר דעם אויער — זיך צו פרייען,
פאַר דעם טרוימער — אַראָמאַט.
פאַר דעם דיינקער — צו פאַרשטיין,
פאַר דעם לערנער — טיפער פשט.

24) שפילט, אַ מענטשן, זיינע טענער!
הערט מיט נחת זיינע רייד;
איינע איז פון צווייטער שענער!
יעדער סימפאָני — אַ פרייד!

.4

פ י נ אַ ל

אלעגראָ מאָלטא

(פערטע טייל)



1) קלאַנגען לויפן איינס נאָך איינע,
יוניסאָן אין שנעלן גאַנג ;
אין געלאַף מיט נאָטן קליינע,
גאַנצע עלף טאַקטן לאַנג.

2) נעמט דעם „דאָמינאַנט” פון זיבן,
קלאַפּט אים גאַנצע ניין מאָל אָן ;
דרייט אים איבער גאַנץ פאַרשיידן,
ביז דעם שליסל פון דעם טאָן.

3) פאַנגט אַ ניגון אָן צו שפּילן
„פּימשיקאַטאַ” קורץ און שאַרף ;
באַלד פאַרטראַכט ער זיך, אין שטילן
שפּיל פון פּיאַנאָ, קלאַנגען שאַפט.

4) „דאַלטשע”, קלינגען ווייסע נאָטן,
און פאַרשנעלן „טעמעם” גאַנג ;
האַרמאָנירט זיי גאַר געראָטן,
חזרט איבער גלאַווגעם קלאַנג.

5) אויף אָקטאַווע, שטילער, העכער,
פירט ער זיי צום צווייטן מאָל ;
אין טריאָלן־פּלאָנטער, גרעסער,
וואַרירירט זי אָן אַ צאָל.

6) וואָס געמיינט דאָ האָט בעטהאָווען,
איז אַ פראַגע פאַר דער וועלט ;
ווי פאַרווירט דאָ וואָלט געוואָרן,
דער סימפאָניש גרויסער העלד !

7) ניט העראָיש איז דער חלק
פון דער לעצטער פערטער טייל ;
ניט געראָטן דאָ באַטייליקט
זיך זיין העלד, ווי ער דערציילט.

8) ווי אַ סדרה וואַריאַציעס,
וואָלט געפלאָכטן אָן אן עק ;
אין דעם גאַנג פון מאָדוליאַציעס,
און מיט זיי, גאָרנישט באַצוועקט.

9) אָט אַ שפּינט ער אַ „פוגאַטע”
אויף אַ ברייטן שיינעם גאַנג,
אין אַ שטרענגן שפּיל : „לעגאַטאָ”,
ביז דעם לאַנגזאַם, נייעם גאַנג.



10) אָט צעשפּרייט ער זיך מיט שיינקייט,
זינגט אַ שבת׳דיקן „שיר”
אין אַ רחבות׳דיקער לענגקייט, —
ביז דער „פּרעסטאָ” פירט ער איר.

11) און פון דאָרטן, אויף זיין שטייגער,
אַלטע קלאַנגען וועקט ער אויף;
זינגט איין „שירה" נאָך דער צווייטער,
פירט די טאַקטן ביז צום סוף.

12) ווער קען וויסן וואָס דער קינסטלער,
האָט געפורמעט און געפלאַנט
און געוואָלט מיט שפּיל, דער אינגסטער,
מאַכן צו דער וועלט באַקאַנט?

13) עפּעס וואָס איז ניט דערשריבן —
אַ מין ניט דערזינגטער „שיר"...
ווייל דער וועלט האָט ער געגעבן,
קאָמפּליצירטע ווערק פון פריער, —

14) אין געשטעלטער, שטרענגער פאָרמע
אויסגעמאָסטן, אויסגעפּלאַנט;
ווי אַ קלינגענדע פּאָעמע,
פון אַ דיכטערס מייסטער־האַנט.

15) בלייבן טאַקע די מבינים,
ביי דעם טייל אין שטוין פאַראייִנט;
און קיין אויסוועג ניט געפינען,
וואָס ער האָט דערמיט געמיינט.

16) ס'טרעפט מיט פילע מענטשן־מייסטער,
אין דעם גאַנג פון שאַפונג־פּלאַן,
אַז איין טייל, איז שוואַכער, בלאַסער,
אָבער ניט ביים גרויסן מאַן.

17) דעם סימפאָנישן באַגרינדער,
וועמעס טאָן־קונסט איז געזעץ;
מוזעס גרעסטער, שענסטער זינגער,
וועמען וועלט פאַרהערט און שעצט.

18) דאָך באַטראַכט די וועלט די דריטע,
ווי דעם מאָרגנשיין פון בערג,
און מיט איר אַ אָנפאַנג ווייטער, —
פאַר די גרויסע מייסטערווערק.

.1

סימפאָנישע פּאָעמע

איבער בעטהאָוונס פינפטער סימפאָניע

אַלעגראָ קאָן־בריא

(ערשטע טייל)



1) „טערצן", „טערצן" פון דער „קווינטע"
פאַלן פול מיט ברויז און שרעק,
קלאַפן ווי אין טיר די בלינדע, —
ווען זיי קומען מיד פון וועג.

2) קלאַפן איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל,
ביז דער ריגל, הויבט זיך אויף,
און אַ טומל, נאָך ווי קיין מאָל
וועקט פון רו די מענטשן אויף.

3) אָן אַ פאָרשפיל, פּראָסט און פשוט,
מיט אַ פולן „פאָרטאָ" קלאַנג.
ניט געקינצלט, ניט געמוטשעט —
„יוניסאָן" אין איין געזאַנג ;

4) לויפן קולות, שנעל, זיי אײלן
אימיטירן אומעטום ;
מיט איין אכטל — קורצן שווייגן,
טאַקט נאָך טאַקט זיך טראָגן אָן.

5) מערן זיך אַזוי די טענער,
שטייגן העכער אויף אין גאַנג ;
אין צוזאַמענקלאַנגען ריינע
יאָגן זיך אין שפּיל פון קלאַנג.

6) אין געלויף פון טעמפּאָ, גיכער
„בעם" פאַרשנעלערן דעם שפּיל
אין „קאָן-בריאָ", ווי אַ וויכער
טראָגט אָרקעסטער זיך צום ציל.

7) שפּילן, קלאַפּן אין דעם אויער
הענט מיט בויגנס אויסגעשטרעקט ;
ווי אין גרויסן וועלטן-טויער —
מענטש׳ס געוויסן וואָלט געוועקט :

8) וואַך אויף ! וואַך אויף ! פאַרשקלאַפּטע מענטשהייט,
וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם יאָך ;
זע די וואונדערלעכע שיינקייט,
און דאָס גליק וואָס קומט דערנאָך.

9) ביז אַ קורצן קלאַפּ „ספּאַרצאַנדע"
אויף פאַרמינדערטן אַקאָרד,
לאָזן קלעזמער זיך פאַנאַנדער . . .
בלייבן שוויגן — אויף איין אָרט.

10) ביז „וואָלטאַרנעס" מאָדנע קלאַנגען,
פירן צו אַ נייעם שפּיל,
און די אויפמערקזאַמקייט פאַנגען
מיט אַ פריידיקן געפיל.

11) וועבן, פלעכטן אויס אַ ניגון,
נאָטן שוואַרצע איינס נאָך איינס,
„בעם דריי קורצע טענער פרעגן —
טענהן אין דעם שפּיל זיך אויס.

12) הערט איר, הערט דעם קלאַנגען פּלאָנטער,
זוכט די גרויסקייט דאָ און דאָרט ;
גאַפט פון שפּיל און בלייבט פאַרוואונדערט
פון דער פּשוטקייט פון וואָרט.

13) וואונדער זעט איר פאַר די אויגן —
אַזוי לייכט דער פּלאַן פון קלאַנג !
ציען פידלער סמיק און בויגן,
ווי אַ תפילה, אין געזאַנג.

14) מיט דער סימפאָני, דער פינפטער,
מיט דעם שפּיל פון „דאָ-מינאָר" ;
מיט דעם ווערק האָט זיך פאַרדינט ער
זיין דערהויבן הויך ביז גאָר.

15) ס'האָט געקרוינט אים פאַר דעם מייסטער
ברייט געעפנט יעדער טיר —
וועלט באַגעגנט האָט באַגייסטערט,
זיין מוזיק נאָך מער ווי פריער ;

16) און באַליבט איז ער געוואָרן
און זיין אַרבעט אַנערקענט,
און דער נאָמען וואָן בעטהאָוון —
האָט אויף וועלטן ווייט גע'שמ'ט.

17) ווי אַ וואונדער גרויסער בנין
רייך באַשענט די שטאָט און גאַס,
ווי אַ קלוגער טיפער ענין
האַלט געשפּאַנט אויך דעם בר־דעת, —

18) אַט אַזוי זיין טאָן־פּאָעמע
האָט צעשפּילט זיך איבער וועלט,
און מיט פרייד און מיט נחמה
יעדן מענטשן־מענטש באַזעלט.

19) זאַפּן זיך אין אייך די קלאַנגען
איידל־חדוהדיקע פרייד,
פינפטערס סימפאָני געזאַנגען,
מוזעס קוועלנדיקע רייד.

20) און פון אָט די צוויי, דריי קלאַנגען,
פון דעם דריי־קלאַפּ פון טריאָל,
ווערט געבוירן ליכט און שאָטן;
מאַסן־קלאַנגען אויף אַ מאָל.

21) ס׳האָבן אַלע גרויסע קינסטלער,
נאָכגעטאַנצט בעטהאָווג׳ס שפּיל,
גאָר די אַלטע און די יונגסטע
אַלע מייסטער אין דער שטיל —

22) האָבן זיך אין אים גערויעט —
אין ראָמאַנטישן געזאַנג;
אַלע האָבן זיי געבויעט
אויף זיין אויסגעפּרואווטן גאַנג.

23) אַט צעשפּילן זיי זיך ווידער
מיט דעם דריי־קלאַנג פון „טריאָל“,
ווי די פויגלען צו דער נידער
שוועבן, פאַלן אָן אַ צאָל.

24) ווי דאָס מזל אין דעם פענצטער
וואָלט געוועקט פון טיפן שלאָף,
פון דער „קווינטע“ מיט די טערצען“,
קלאַפּט וועד דרינגלעך, וועקט און רופט...

25) ליב און טייער איז זיין שאַפן
און פאַרשטענדלעך זיין געדאַנק
און נאָך מער צו שטוינען, גאַפן,
פון זײַן גרויס פערזענלעכקייט.

26) פון זיין פרייען גייסט אין לעבן,
זיין באַגריף פון מענטש און וועלט ;
וואָס ער האָט אונדז נאָר געגעבן,
שטראָמט מיט ליבע, ברויזט און קוועלט.

2.

אַנדאַנטע

אַנדאַנטע קאָן־מאָטאָ

(צווייטער טייל)



1) זיץ איך איצט מיט די געדאַנקען
טיף פאַרזונקען שטיל אַליין,
קוויק זיך מיט די מוזיק־קלאַנגען,
וואָס זיי פליסן וואונדער שיין.

2) און פאַר מיינע אויגן שוועבן
צויבער־בילדער אָן אַ צאָל,
פול מיט לוסט און פול מיט לעבן,
פון פאַרצייטן, פון אַמאָל.

3) ווען די קלאַנגען אין דריי־אַכטל,
אין דעם „לאַ־בעמאָל־מאַזשאָר"
אין דעם גאַנג דעם לאַנג־פאַרטראַכטן
זינגען ווי אַ קינדער־כאָר, —

4) זע איך ווי פאַר מיינע אויגן
ציען זיך אין קאַראַאָד:
קערפּערס שלאַנקע, ווי די בויגן,
שפּרינגען פלינקע אין אַ ראָד.

5) און אַן אַלטע ליבע באָבע,
צי אַ „ניאַני" גאָר אַליין
רופט די קינדערלעך צוזאמען —
און דעציילט זיי אַזוי שיין.

6) מעשות פון די אַלטע צייטן,
ווען זי איז געווען נאָך יונג;
גלייך ווי זיי אין שפּיל פאַרשייטן
אויך געטאַנצט האָט זי מיט שוואונג.

7) ניט געשפּרונגען ווילד ווי ציגן,
נאָר געטאַנצט אַ מענועט
אין דעם טאַנצן-גאַנג זיך וויגן
צערטלעך — ווי אַ שיין געבעט.

8) און אָט נעמט זי זיך ביים קליידל
פאַלדט דאָס אויס און נייגט זיך איין,
זינגט אַ לידל אַזוי איידל —
און איר פּנים שטראַלט און שיינט.

9) חזרט איבער אָט דעם ניגון
ווי בעטהאָוון אין זיין שפּיל;
די „טריאָלן-קלאַנגען" וויגן
אַזוי רירנד מיט געפיל..

10) קינדער הערן, שטוינען, גאַפן;
רואיק וואַכן, האַלב פאַרטראַכט, —
ווי דער עולם ביי דעם שאַפן,
פון בעטהאָוונ'ס קלאַנגען פּראַכט!

11) און באַצויבערט פון דער מעשה
גיבן קינדער זיך די הענט.
אין געזאַנג פון כאָרן-מאַסע
קלינגען אויף אין איין מאָמענט.



12) און עס גיסט זיך אויס אַ שירה,
פרעכטיק העל און לויטער קלאָר,
אַז עס זעט די אַלטע אירע
אַלע יאָרן אויף דער וואָר —

13) און אויפסניי זיי איבערלעבן
אין איר פריילעך גרויסער פרייד,
ווי עס וואָלט די וועלט געגעבן
איר דאָס גליק פון יונגערהייט —

14) אַט די רייד מיט קלאַנגען נייע
כאַפּן שפילער ווייטער אויף.
קולות פינקלען אין אַ רייע
אין איין ריטם אַלעם רופט.

15) שפילן אַלע פול מיט ליבע,
זויבער קלאָר און לויטער ריין;
אַלע טענער ווי איין שטימע
קלינגען פול מיט יונגן חן.

16) ס׳האָט בעטהאָווען נאָך סימפאָניעס,
אפשר שענער נאָך פון דער;
ליבער זיינען די מעלאָדיעס
דוקא פון דער פינעפטער.

17) ווייל אין איר געפינט דאָרט יעדער
זיין געווינשטן טעם און קלאַנג, —
ווי אין „מן”, דאָס פאָלק אין מדבר —
הערט דאָרט יעדער זיין געזאַנג.

18) ווען איך הער די רייכע טענער
איינגעצוימטע אין גאַנג פון שפּיל,
רירט די פרייד מיר ביז די ביינער
מיט אַ זעלטענעם געפיל.

19) און עס כאַפּן „בעס” דאָרט אונטער
רחבותדיק אַזוי און ברייט;
מיט די בויגנס פידלען מונטער, —
ווי אַ כּישוף-קרייז זיך דרייט.

20) קלאַנג נאָך קלאַנג די טענער טראָגן,
איינס נאָך צווייטן אין אַ ריי —
שווער באַשטימען און צו זאָגן,
וואָס די פאָרמע איז פון זיי.

21) נאָר בעטהאָווען זיך דערלויבן
האָט געקענט אַזאַ מין זאַך:
זיך אַ פרעמדן טאָן אויסקלייבן
און אים פירן פינקטלעך גלייך.

22) זיך אָפּנייגן גאָר פון פאָרמע,
פון באַשטימטן שטריינגען גאַנג.
לאָזן זיך אויף וועגן פרייע,
ווי זיין ווילן האָט פאַרלאַנגט.

23) הערט, אַ מענטשן, די „אַנדאַנטע”,
דעם געלאַף פון בעס אין דראַנג
מעלאָדיען אימפּאָזאַנטע —
ביי אַנדאַנטעס ענד פון גאַנג.

24) ווי עס ענדיקן די שפּילער
אין „טריאָלן” גרוים געלאַף!
אַלע קלעזמער, אַלע פידלער —
שטרענג, טעמאַטיש, קורץ און שאַרף.

.3

סקערצאָ

סקערצאָ אַן־טריאָ

(דריטער טייל)

Allegro



1) שפּרינגען בעם און ווילאַנטשעלן,
מאַכן ברייטע, לאַנגע טריט
ביז די הויכע, ווייטע שטעלן —
נעמען פידלער מיט זיך מיט.

2) שטעלן אָפּ זיך אויף אַ פּראַגע,
גייען ווייטער זייער גאַנג ;
פילן זיך אין זייער לאַגע,
ווי געליבטע — איין פאַרלאַנג.

3) אויף אַ גרויסן, ברייטן שטח
„האָרנס" קלאַנגען בלאָזן אויס ;
אין איר גאַנג די סקערצאָ שפּרייט זיך,
ברייט פאַנאַנדער אין איר גרויס.





4) טרייסלען זיך באַסאָווע סטרונעס,
רייבן זיך אין שנעלן דראַנג,
ווי זיי וואָלטן אויס רחמנות
וועלן זינגען אַ געזאַנג.

5) שוועבן קלאַנגען אין „פּוגאַטע"
קוליען זיך און לויפן שנעל;
אין אַ קורצן גאַנג „סטאַקאַטע"
מאָדנע שיין — אָריגינעל.

6) קלאַפּן טאַקטן איינס נאָך איינע
אין דעם קלאַסיש אַלטן סטיל,
נאָטן דריבנע, קורצע, קליינע,
דרייען, מאָלן ווי אַ מיל.

7) דאַכט זיך אַלע רעדער דרייען,
איינס נאָך איינס זיך אין דעם גאַנג;
קומען לויפן און פאַרגייען
מיט אַ מאָדנעם, ליבן קלאַנג.

8) ביז אַ נייע, שיינע טעמע
„פּיטשיקאַטאָ" שפּילט אין „טאַקט",
אויף דריי קלאַנגען זיך פאַרנעמען,
ווען דער פּויק אין „פּיאַנאָ" קלאַפּט.

9) זייער שטיל און אַנגענעמען
הערט זיך דער פּעדאַל אין „סי",
ווי זיי וואָלטן דאַרטן וועמען
וועלן אויפוועקן גאַנץ פרי...

10) פליסן וואַסערן און רינען,
פלייצן טייכן מיט געדראַנג,
ביי די זייטן פעלדער גרינען —
שלענגלען זיך ווי אַ געזאַנג.

11) גיסן אויס זיך אין די „יאמען"
אין די גאָלפן ביי דעם ברעג ;
שלייכן זיך אומענדלעך, שטראָמען
אין אַ אייביקן געיעג.

12) מישט זיך פרישקייט פון די טייכן
מיט די זאַלצן פון דעם ים ;
גייט „פינאַל" אין וועג אַ גלייכן
מיט דער „סקערצא" אין איין שפאַן.

13) און איר ווערט אַריינגעצויגן
מיט אַ צויבער-מאַכט אין זיי ;
און איר עפנט מויל און אויגן —
גאַפט פון טענער אַלערליי.

14) אַזוי הערט איר מיט כונה,
און פאַרגעסט אין רוים און צייט,
ווי ביים שיין פון דער לבנה,
מיט געליבטער ביי דער זייט.

A tempo



15) אויך די קאָנצערט-מייסטער, פירער,
ווערן מיטגעשלעפּט אין שפּיל, —
אי די געסט און דיריזשירער
קוועלן פון בעטהאָוונ׳ס סטיל ;

16) און עס ווירבלט די סימפאָניע,
ווי אַ וואָלקען-זייל זיך רייסט.
מיט זיין פשוטער האַרמאָניע,
מיט זיין מענטשלעך הויכן גייסט.

17) און געדאַנקען פרייע, טיפע
מיט דעם לשון פון מוזיק ;
הער איך שוועבן, פאַלן, טריפן,
ווי די פרייד פון מענטשן-גליק.

18) נאָך דעם קומט ער צו די קלאַנגען
פון דעם הויכן, ברייטן גאַנג ;
מישט די טעמע אויס צוזאַמען,
מאַכט פון ביידע איין געזאַנג.

19) און ער לאָזט זיי אַזוי שווימען
מיטן שטראָם נאָך זיין פאַרלאַנג,
אַלע קלאַנגען, אַלע שטימען
ווי דער שטראָם צום ים אין דראַנג.

20) גיסן זיך די לעצטע טיילן
אין איין פאָרמע ביידע אויס. —
„סקערצאָ" און „פינאַל" צוזאַמען, —
ווי איין שטיק, שמידט ער זיי אויס.

●

.4

פינאַל

אַלעגרא מאַעסטאזא

(פעטער טייל)

Allegro maestoso



1) פשוט ליידיקע אַקאָרדן
אין מאַזשאָר פון זעלבן טאָן,
ווי די פויגלען זיך צעטראָגן,
קלינגען העל פון אָנפאַנג אָן.

2) גוואַלדעווען מיט אויסגעשרייען
דריי „טראָמבאָנען" און „באַסונס".
שפּילן אַלע און זיך פרייען,
מיט דעם מאַסטערס וואונדער־קונסט.

3) קהל קהל׳ט זיך און קוליעט —
שרייט אין פריידיקן עקסטאַז;
גרויסער עולם זינגט און הוליעט,
מאַסע טראָגט זיך מיט קוראַזש.

4) אין „אַלעגראָ" „מאַעסטאָזע"
שפּילן אַלע לעצטן שפּיל;
קלאַנגען — מעכטיקע, גראַנדיעזע.
יאָגן, טראָגן זיך צום ציל...

5) אויך אַ „פּיקאָלאָ״, אַ פּייפל —
בן־זקנים פון דער פלייט,
ווי אַ צירונג, ווי אַ שרייפל
פּייפלט־פּייפט און זיך פאַרגייט.

6) אין די ווייטע הויכע טענער,
אין די קלאַנגען טיפע דאָרט,
וואו דערגרייכן קאָן ניט קיינער
זיין פּאָזיציע, זיין אָרט.

7) נאָך אין יענע אַלטע צייטן,
מיטן חוש און מיט זיין חיות,
האָט בעטהאָווען אין די ווייטן,
איינגעפירט די אַלע נייעס.

8) וואָס פאַר יום־טובדיקע פריידן
קלינגען אַלע שפּילער אויס,
ווי מע וואָלט דאָרט גאָר פאַר יעדן
טיילן גליק — פאַר קליין און גרויס...

9) נעמט דאָס פּייפל זיך צום זינגען
נאָך דעם „אַרקאָ״ פידל־שפּיל,
חנעוודיק זיך העל צעקלינגען,
נאָך דער „פּאַרטאָ״, פּיאַנאָ, שטיל.

10) הערט איר, הערט אַזוי פאַרוואונדערט,
חידושט זיך און ווערט נתפּעל,
ווי דער מאַסטער האָט געוואַנדערט
אויף „ניואַנסן״ אָן אַ צאָל.

11) ווי ער האָט מיט זיי געשפּילט זיך
אין געפּלאַנטן טאָן־געדאַנק —
אָט צעיאָגט ער זיך און טראָגט זיך,
אָט פאַרהאַלט ער זיך אין גאַנג.

12) אָט צעשפּילט ער זיך אין „פּאַרטאַ״
און צערעדט זיך מיט גערויש ;
אַלע כוחות איינגעשפּאַרטע
לאָזט ער אין איין גאַנג אַרויס.

13) ווי ער האָט געקענט שטאַרק ווייגען
אין „פינעבראַ״ טרויער מאַרש —
האָט ער אויך געקענט זיך פרייען,
מיט אַ פולער פרייד פון האַרץ.

14) מיט די זמרלעך, די ריינע,
זיך צעלאָזן ברייט און ווייט ;
שפּילן זיך ווי קינדער קליינע,
טראָגן זיך אין גאַנג פאַרשייט.

15) ניט מיט זעלנערשע ניגונים,
און מלחמהדיקן דראַנג,
ניט קיין ניגון פון יונים,
נאָר אַ פרידלעכער געזאַנג...

16) אָט דערמאַנט ער זיך אין יאָרן
לאַנג פאַרגאַנגענע אין צייט :
אַלטע וועגן, טריט און שפּורן, —
אין געדאַנק זיך איצט באַנייט !

17) און עס פלאָנטערט זיך אין מוח :
פרייד און בענקשאַפט פון אַמאָל.
טראָגן זיך פאַרביי מיט כוח,
קלאַנגען, בילדער אָן אַ צאָל.

18) אָט באַווייזט זיך בלאָס דער מולד
פון דער גליקלעך שיינער נאַכט,
ווען מען האָט געביינקט פאַרחלומט
און פון גליק געטרוימט, געטראַכט.

19) זילבער מיסטיש די לבנה,
שיקט איר מאָטן שיין אויף דער ערד
און אַזוי ווי מיט כונה,
וואַכט ווי ערד, זיך דרייט און קערט.

20) וואָלקנס לייכטע, לויטער, קליינע,
טראָגן זיך פאַר איר פאַרביי —
אויסגעפוצט די ערד אַ ריינע,
אָטעמט דופטיק, לייכט און פריי.

21) ברויזן־אויף אין האַרץ געפילן,
איבערפילט די פרייד פון מאָס;
טיף אין זיך די טענער שפּילן —
יעדער ווען דאַרשט נאָך וואָס...

22) אויך די חיות אין די וועלדער
רופן שטיל אין שפּעטער שעה;
זילבער־שיין אויף אַלע פעלדער,
דרעמלט וועלט אין טיפער רו.

23) ביי די פלויטן אַלע כלבים
וואַכן, וואָיען אין דער ווייט.
אין דער טיף פון אַלע ברואים
רייסט אַ קול זיך, קלינגט און שרייט.

24) זינגט די „סקערצאָ" אויס די טענער:
די דריי קלאַנגען מיט געפיל.
מיט אַ בענקשאַפט יעדער איינער,
הערט דעם לעצטן „סקערצאָ"־שפּיל.

25) און די וואָלקנס אויף דעם הימל
בלאַסע טראָגן זיך אין גאַנג;
שלאָפט די וועלט אין טיפן דרימל
וויגט, פאַרוויגט זיך מיט געזאַנג.

26) און פאַרענדיקט מיט אַ „קאָדע״
הונדערט־פופציק טאַקטן לאַנג,
אין זיין אייגענער מעטאָדע,
אין דעם קלאַסיש־אַלטן גאַנג.

27) פלעכט ער איין די אַלע לידער,
וואָס געהערט איר האָט פון פריער,
אין אַ לאַנגער רייע ווידער, —
מאַכט פון זיי אַ נייעם שיר.

28) זינגט אַזוי פאַר אונדז בעטהאָוון,
רעדט צו אונדז אין מוזעם רייד.
וואָס ער האָט אין פיין געבוירן, —
איז פאַר אונדז אַ טרייסט און פרייד.

29) ס׳האָבן מוזיקער און דיכטער
אויך געשאַפן גרויסע ווערק,
נאָר די טענער פון דער „פינפטער״ —
שטייען ווי גיגאַנטן־בערג, —

30) ווי די ריזן, פעלזן־שטיינער:
עדות פון בראשית דראַנג —
וועלן „פינפטערס״ קלאַנגען־טענער
זיין דער וואונדער, דורות־לאַנג!

דאָס טרויער ליד

אויפ׳ן טויט פון בעטהאָווענען

שלאָף, אָ, מענטשן-קינד, דו שיינער,
שלאָף דיין קאַלטן, טויטן שלאָף,
אויף דער וועלט וועט יעדער איינער —
שאַצן הויך דיין גרויסע גאָב.

ווי די וואַסער פון די טייכן,
שטראָמען אין דעם ים אַריין —
דורות וועלן גייען און קומען,
און דיין גייסט וועט אייביג זיין.

ניט געצאָלט האָט דיר די מענטשהייט,
ביי דעם לעבן פון די טעג ;
ניט געשעצט געגוג דיין גרויסקייט,
ביי דיין זיין דאָ אויף דער ערד.

ווי אַ יתום אָן אַ פאָטער
האָט באַ׳עוולה׳ט דיך די וועלט ;
ווי אַ זויג-קינד אָן אַ מוטער —
אָן אַ ברוסט — אויף פרעמדע הענט . . .

שלאָף, אָ, קינד אין קאַלטן קבר,
שלאָף אין לאַנגען, טויטן טרוים,
ס׳וועלן אַלע מענטשן-קינדער,
שניידן פרות פון דיין בוים.

אויף דעם חסד פון די פרעמדע,
האָסטו שטענדיק נאָר געוואַרט ;
האָסט געליטן ביז דער ענדע —
נאָך דעם לעבן שטיל געגאַרט.

ניט קיין פרוי, קיין קינד, קיין חבר,
האָט ביים קבר דיך באַקלאָגט;
נאָר די גאַנצע וועלט, ווי איינער,
קדיש האָט נאָך דיר געזאָגט.

שלאָף־זשע קינד, אָ, מלאך איינער,
אין דעם שוים פון מוטער־ערד;
דיינע זינגנדיקע טענער,
מענטש מיט ליבע שטענדיק הערט.

ס׳האָט געצאָרנט אויך דער הימל,
אין דעם טויטן טרויער־טאָג.
און מיט דונער ערד פאַרטומלט,
האָט דיין לעצטן אָטעם־צוג.

לאַנג פאַר מיילן זיך געצויגן,
האָט די לייכע ביז צום פעלד;
און פאַרשלייערט זיך אין טרויער,
האָט די גאַנצע קינסטלער־וועלט.

און דער עולם מיטן ארון,
קעפּ געבויגן, טריט ביי טראָט;
דיינע טענער זיך געטראָגן,
האָבן ביז צום הייליק אָרט.

שלאָף זשע, מלאך, פרייד פון מענטשן,
שלאָף אין רו דאָרט, אומגעשטערט;
יעדער וועט דיין נאָמען בענטשן,
אייביק, אייביק, אויף דער ערד.

איינזאַם, ליידיק איז געוואָרן,
דער בית עולם ווייט אַרום —
פריינט און מענטשן זיך צעפאָרן,
נאָר מצבות אומעטום

שטייען געבליבן ווי די עדות,
זיינען מיט דעם בערגל ערד ;
ווינט געמורמלט האָט דאָרט סודות,
און געוואָיעט אומגעשטערט.

לאַנג אַזוי איז ער געלעגן,
פון דער צייט מיט שטויב באַדעקט ;
די מצבה אָפּגעריבן,
און זיין נאָמען אָפּגעמעקט.

נאָכלעסיק, אַזוי פאַר יאָרן,
ביז די וועלט האָט זיך פאַרטראַכט ;
דאָס געביין זיינס אויסגעגראָבן,
און צו קבורה אים געבראַכט.

מיט פּאַראַד און גרויסן כבוד
אויף דעם וויענער בית הקברות,
מיט זיין ליבן פריינט, פראַנץ שובערט —
מוזע'ס גרעסטע, שענסטע אבות.

פאַר צוויי ליבע מענטשן־קינדער
צוויי מצבות אויפגעשטעלט ;
איינער עלטער, איינער יונגער —
קרוינען פאַר דער מענטשן־וועלט.

און דער גייסט פון אָט די ריזן,
וועט אונדז אייביק ברענגען פרייד ;
קיינמאָל וועט די וועלט פאַרגעסן
זייער קלינגנדיקע רייד.

צוויי מצבות ווי אַ צווילינג ;
אויסגעבויט אין שוים פון דער ערד —
ווי דער בליענדיקער פרילינג,
פון דער גאָרער וועלט פאַרהערט.

●

דאָס טרויער ליד אויפן טויט פון בעטהאָווענען

ELEGY ON THE DEATH OF L. V. BEETHOVEN

Moderato

Music by L. V. BEETHOVEN



Copyright 1936 by Pinchos Jassinowsky — All rights reserved

RADIO PRINTING CORP.
119 West 23rd Street
New York, N. Y.
369